# ארגינעלע
# יידישע ליטעראטור


EX LIBRIS L M UWIAE
A-47
AMORE MORE ORE RE · FIRMANTUR AMICITIAE

ז. סעגאלאוויטש.

# סטרונעס

№ 37

KORPORATSIOON LIMUVIA TARTU. № 47
Korp! Limuvia 192_ a. № 2416 Tartus.
74922
2416

פארלאג
יידיש
ווארשע

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

DRUK. J. WAGMEISTER. NALEWKI № 7

ב"ים ים.

Korp! Limuvia
47 192_ a.
№ 2416
Tartus.

## מיין לולקע.

רויכער, לולקע, רויך געדיכט
און פֿערשלייער מיין געזיכט,
עס זאָל קיינער נישט פֿאַרשטיין—
צי איך לאַך היינט, צי איך חיין.

רויכער, לולקע, נעבל-אײַן
אין אַ דינעם נעץ מײַן זײַן.
זאָל דאָס בייזע פֿון דער וועלט,
אַלדאָס בייז זאָל זײַן פֿאַרשטעלט!

רויכער, לולקע, פּישוק־רויך
און פֿאַרהויג מיך זיס און ווייך...
איך אַליין זאָל נישט פֿאַרשטיין—
צי איך לאַך היינט, צי איך וויין.

אָ, קום צום ים, צום כשוף־מאַכער,
ער װעט דיך אײַנװיגן געשװינט;
די פֿאַליעס װעלן זיך צולאַכן
פֿון דײַנע זאָרג און דײַנע זינד.

דאָ רוען גרוי־אוראַלטע שטײנער
און פֿאַליעס טאַנצן איבער זײ.
װי נישטיג־אָרים און װי קלײנליך
װעט איצטער אויסקוקן דײַן װײ.

דאָ װאַרט פֿאַר יעדערן אַ שיפֿל,
די פֿאַליעס װאַרטן מיטן װינט—
אָך, אויב דו װילסט דײַן צער פֿאַרשטיפֿן
און גיך פֿאַרגעסן זאָרג און זינד.

## פאָרנאַכט ביים ים.

א דעלפין שפילט אין ים פאַרנאַכט.
דער עולם שטייט בײַם ברעג און לאַכט..
דער עולם לאַכט פון טאָג נישט מיד,
און טויזנט פאַליעס לאַכן־מיט.

דרײַ פערטל ים איז בלויער גלאָז,
אײן פערטל וויגט זיך ווײַבליך־ראָז,
און אויף דעם ראָזן פערטל ים
צעפינקלט זיך א שטערנס פלאַם.

שוין טונקל... נאַכט... גאָר אומגעריכט
שווימט־אָן א שוואַרצע שיף אָהן ליכט;
די גנביש שיף שווימט שטיל צום ברעג—
דער עולם לויפט אַהין אַוועק.

איך בלײַב אַליין, די פאַליע שטראַלט
און זילבערט זיך און וואַקסט און פאַלט,
נאָר אײַנגעפאַסט אין נאַכט און רו
קלאַפט שטיל מײַן האַרץ... דער ים קלאַפט־צו.

ז. סעגאַלאָוויטש.

## צי ווייל מײַן שטיין.

צי ווייל מײַן שטיין האָט אַזאַ ברייטן רוקן—
איך קאָן מיך זיכער אין דער ווייטקייט קוקן:
דאָרט שטאַרבן פלאַמען איינס אין צווייטן
און וואַסער קויקעלט זיך אין רויטן.

און נאָנט—עס שווימט צום ברעג אַ שטערן,
צום סאַמע ברעג... אַ גאָלדנער קלערן.
נעם שטרעק די האַנט צום וואַסער אויס
און לאָז דעם חלום נישט אַרויס.

איך האָב דאָ מײַנע פעלזן, מײַנע שטיינער:
אין שטורם־נאַכט, אין שטילער נאַכט—איך בין דאָ איינער.
איז שטיל דער ים, דאַן שפּיל איך מיט די וועלן,
איז ווילד דער ים, איז מיר זײַן ווילדקייט שטאַרק געפעלן...

## אין קרים.

כ׳טראָג אַ טערקישע היטל, אַן ענגלישן סטעק,
איך רייד דאָ אויף רוסיש און עס בײַ אַ גרעק.

ביים ים אין קאָבינקע. איך פיל זי דאָ רײַך.
פאַרמאַך איך די אויגן, דערמאָנט זיך מיר גלײַך,

דערמאָנט זיך ניט אַלעס, נאָר עפּיס אַ שטריך,
אַ רמז, אַ נאָלחות, אַ רוף פון מײַן „איך."

---

נעמט שוועבן אַן עולם, באַקאַנט־אומבאַקאַנט,
און יעדע בעזונדער קומט דריקן די האַנט.

נעמט שוועבן אַ שטעטל, אַ געסל, אַ שול,
עס שאַרכן טליתים דאָ איבער מײַן שטול.

אַך, טײַער ביז חײַטאָג איז דעמאָלט דער טרוים
און וואָס איז דער ים מיר, זײַן פּאַליע, זײַן שוים!..

## מיט אַ פֿישער.

די נעצן אין שיפל, דעם רודער אין האַנט,
קאַיר איז אַ פֿישער, מיר פֿאָרן באַנאַנד.

די לופֿט איז פֿאַרנעבלט, דאָך אָטעמט זיך פֿריש,
אָס חאָסטו אַ ים זיך און כאַפּ אין אים פֿיש.

ער װאַרפֿט אויף מײַן מזל די נעצן אַרײַן,
איך שטיי און דעם אָטעם מיט שרעק האַלט איך אײַן.

אָ, גאָט! אויב דו דאַרפֿסט מיך באַשטראָפֿן פֿאַר זינד,
באַשטראָף װען דו װילסט, נאָר נישט שטראָף מיך אַצינד.

פֿאַרשעם מיך פֿאַר װעמען עס הייסט דײַן געזעץ,
נאָר נישט פֿאַרן ים, פֿאַר אַ ליידיגן נעץ.

ער ציט שוין די נעצן, איך העלף אים דערבײַ,
ער זידלט זיך בייז: „יאַראַמאַי, יאַראַמאַי!"

נאָר פּלוצלונג, אַלאַ! זײַ געבענשט איבעראַל,
עס זילבערט אין נעץ זיך אַ גרויסער קעפּאַל...

קאַיר איז אַ פֿישער מיט האַרץ און פֿאַרשטאַנד,
עס פֿרייט אים מײַן מזל, ער דריקט מיר די האַנט...

## די ווינטלעך וועלגערן.

די ווינטלאַך וועלגערן די פּאַליעס
די זעגלען פּלאַטערן צעשפּרייט.
איך לאַך מיר היינט, איך לאַך פון אַלעס
פון שטרייט און פּליכט, פון שרעק און מייט

אָסמאָן מיין פריינט, דער בעסטער טאָטער
האָט טרויבן מיר געבראַכט ביים ברעג.
איך בין שוין זאַט, גענוג... און פטור!
מיר לאָזן זיך אין ים אַוועק.

ער לאַכט, דער ים, ער לאַכט, דער אַלטער
און קנייטשט זיין שטערן, זיין געזיכט.
נאָר יעדער קנייטש איז אַ באַשטראַלטער,
באַזאַלבט פון אייביגקייט און ליכט.

איך וועל אין לעבן נישט דערגרייכן
קיין רום, קיין גאָלד, קיין הויזגעזינט,
און לאָזן וועל איך אַזאַ צייכן,
ווי יעדע פּאַליע נאָכן ווינט...

## אין וועג.

איך שפּרייַז דורך קייזערליכע גיטער
און אויף אַ ווייַלע דוכט מיר אויס:
איך בין אַליין אַ פּרינץ, אַ ריטער—
מייַן וועלט, מייַן ים... איך גיי פאַרויס.

דאָ היינגט אַ פעלז אָט באַלד צום פאַלן,
דאָרט שפּריצט אַ קוואַל אונטער די פיס.
איך גיי באַגלייט פון מחנות שטראַלן—
איך האָב אַ פריינט אין סימעאיז...

איך האָב אַ פריינט, איך בין פאַרבעטן
אויף ווייַנטרויבן, אויף יונגן וויַן.
דער טאָל דעקט־צו די מינאַרעטן,
די בערג די גרויסע הילי׳ען־אייַן.

נאָר איך װעל קומען מײַנס באַקומען,
פֿיל בערג־אַרויף, פֿיל בערג־אַראָפּ...
און אײנע װעט מיר הײַנט מיט בלומען,
מיט רויזן אײַנדעקן מײַן קאָפּ.

װײַל אַנדערש װאָלט איך נישט געגאַנגען,
װײַל אַנדערש טאָר עס הײַנט נישט זײַן:
מיט שטאָלץ און דרײסט װעל איך פֿאַרלאַנגען
מײַן צוגעזאָגטן יונגן װײַן.

דאָ האָט געלעבט אַ קעניג,
דאָ האָט אַ פּרינץ געלאַכט.
ווײַנס בליִען ווידער רויזן —
דער שלאָס איז צוגעמאַכט.

און אויפֿן שװעל פֿון פּאַלאַץ —
דאָרט זיצן זעלנער דרײַ:
דער ערשטער ציט מאַלאָרקע,
אַ גענעץ און אַ שפּרײַ.

דער צווייטער איז פֿאַרשלעפֿערט
און שווער איז אים דער קאָפּ.
דער דריטער ציט די שטיװל
פֿון זײַנע פֿיס אַראָפּ.

פֿון איין זײַט שפּילט דער ים זיך,
פֿון צוויטן קוקט דער באַרג.
נאָר לײדיג איז און לאַנגווײליג
אין קעניגליכן פּאַרק.

## בײם כאַאָס.

גאָט פֿון זיבן טעג אין װאָך,
גאָט פֿון טאָג און נאַכט,
גאָט פֿון ווינטער און פֿון זומער,
גאָט פֿון גנאָד און מאַכט.
גאָט פֿון רעגלמעסיגקייט,
פֿרומקייט און פֿאַרבאָט,
גאָט דו פֿון געזעצליכקייט,
גוטער, שטרײנגער גאָט!
איך זעה דאָ פֿיל צושמעטערטע
בערג און פֿעלז בײם ברעג,
שטײנער־כאַאָס קױקעלט זיך
ביזן ים אין שרעק.

ז. סעגאַלאָוויטש.

װילדע קראַפֿט און װיסטעניש
יאָגט פֿון יעדן שפּאַן,
גאָט פֿון מאָס און זיכערקייט,
גאָט, װאו איז דײַן פּלאַן?
גאָט פֿון ציל און אָרדענונג,
פֿון זוניגקייט און טוי,
האָסטו נישט פֿאַרענדיגט נאָך
אונזער װעלט־געבוי?

## פרימאָרגן-צײַט.

איבער װײַסע שװאַנען־װיליקס
מיט די רונד־באַשטראַלטע זײלן,
איבער װײנגערטנער און סעדער
גײט מײַן בליק אַװעק איף מײלן,
ײט מײַן בליק אַװעק צום ים.

ג

צו דעם זעגל, צו דער פֿאַליע,
װעלכע שטראַלט מיט טויזנט פֿונקען,
צו דעם װאַלקן, װעלכער האָט זיך
הײנט מיט זילבער אָנגעטרונקען—
גײט מײַן בליק אַװעק צום ים.

גאָס אין הימל, טויזנט דאַנקען
פאַר דעם ליכטיגן פרימאָרגן,
פאַר ד רויזן אין מיין גאָרטן,
פאַר דעם היינט און פאַר דעם מאָרגן
פאַר דער אייביגקייט פון ים.

פאַר דער רגע, וואָס מיר דוכט זיך,
אַז איך פלי איבער די ווילּיעס,
איבער גערטנער, איבער סעדער...
טויזנט דאַנקען, טויזנט תּפילות
צו דער זון, וואָס קושט דעם ים.

## ים.

זון און ים, זון און ים.
קאַלטער, בליצנדיגער פלאַם.
יעדע פאַליע, יעדער שטראַל
צינדט פון זיך אַ נייעם שטראַל.
ווי אַ גרויסע שלייף־מאַשין,
וואַרפט עס פונקען הער־און־הין,
שלייפט און בליצט, בליצט און פיילט,
לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, נישט געאיילט.
בלעכן טאַנצן,
טאַזן גלאַנצן...
טויזנט זונען—
גלייך צערונען.

אויפגעשטאַנען

פיל פאָנטאַנען—

אויגנבליק:

און פלאַך צוריק.

יעדער ווינטל, יעדער בלאָז

שאַפט און מייסטערט פאָרמענלאָז.

יעדער קליינער ווינטל־גלעט

קנעט און וועלגערט, קנעט און קנעט

פלאַם מיט וואַסער, פלאַם מיט וואַסער,

פלאַם מיט וואַסער אָהן אַ סוף...

# ווייט אינמיטן ים.

די אויגן גייען ווייט אוועק—
וואַט אינמיטן ים.

זעגלען, וואַסע פּיראַמידעס—
וואַט אינמיטן ים.

צי זיי גייען, צי זיי שטייען—
וואַט אינמיטן ים.

טונקלער אָוונט פאַלט פון הימל—
וואַט אינמיטן ים.

אָפּגעשוואומען איז דער טאָג שוין—
וואַט אינמיטן ים.

און ער זינקט־אַראָפּ אינגאַנצן—
חײַט אינמיטן ים.

קײנער בלײַבט נישט שפּעט אין אָװנט—
חײַט אינמיטן ים.

שחים־אַרױס, מײַן לײַלטעס שיפֿל—
חײַט אינמיטן ים.

## נישטאָ קיין ווינט.

אויף יעדער שיף אַן אַנדער פֿאָן,
אויף יעדער פֿאָן אַ ניַי קאָליר.
פֿיל מענטשן זאַמלען זיך בײַם ברעג
און קינדער־קעפּלאַך אָהן אַ שיער—
מען וועט זיך יאָגן מיטן ווינט,
מען וועט זיך יאָגן מיטן ווינט.

נאָר אײַנגעהאַלטן ליגט דער ים.
און וואו איז ער, דער שטאַרקער גאַסט?
קײַן שוים נישטאָ, קײַן פֿאַליע נישט.
דער ווינט... ער דרעמלט־צו, ער שפּאַסט:
נישטאָ קײַן ווינט,
נישטאָ קײַן ווינט...

האַלבער טאָג איז שוין אַוועק,
די שיפלייט וואַרטן אַלץ בײַם ברעג—
נישטאָ קיין ווינט,
נישטאָ קיין ווינט...

די פאָנען בויגן זיך אַראָפ,
די זעגלען פלאַטערן אָהן מאַכט.
ער האָט אונז ביטער אָפּגענאַרט,
ער האָט פון אונז געלאַכט...
דער ווינט,
דער ווינט,
דער ווינט.

# צו דער זון.

אַך, פֿלאַמיג זון! דו װײסט דערפֿון?
איך האָב געהאַט אַ פֿרײַנט.
געזונגען האָט זײַן יונגעס האַרץ,
װען דו האָסט העל געשײַנט.

ער האָט געזאָגט: „די װעלט איז שײן,
ס'האָט יעדער מענטש אַ זון.
און שטאַרבט דער מענטש, פֿאַרגײט זײַן זון...“
זון, דו װײסט דערפֿון.

און אײנמאָל, ס'איז בײַם ברעג געשעהן,
דו האָסט דעם ים געפֿאַרבט.
מײַן פֿרײַנט האָט זיך געװענדט צו מיר:
„דו זעהסט, װי שײן זי שטאַרבט?“

און אײדער איך באַוואונדער דיך,
באַדויער איך דיך שוין:
דו זינקסט אין ים, מײַן פֿרײַנט—נאָך דיר,
איך בלײַב בײַם ברעג אַלײן.

אָך, פֿלאַמיג זון! ווי קאָן עס זײַן—
איך זעה אויפֿסנײַ דײַן פֿלאַם...
מײַן פֿרײַנט אָבער, וואו איז מײַן פֿרײַנט?
מײַן פֿרײַנט פֿון טיפֿן ים...

# אַ נאַכט בײַם ים.

אַ פֿישער האָט געזאָגט: „ס'װעט מאָרגן זײַן אַ שטורם.“
נאָך אַזעלכע נעכט קומט שטענדיק אָן אַ שטורם.

דער ים איז אײַנגעשלאָפֿן שטום־רײַזיק, װי אַ לײב,
דער װינט האָט נישט באַרירט דעם דורכגעבערענטן שטויב.

מען האָט בײַם ברעג פֿאַרגעסן, װער יונג איז הײַנט, װער אַלט,
מען האָט בײַם ברעג געזונגען, געאָרעמט זיך, געשטראַלט

אין נעצן פֿון לבנה־שײַן... מען האָט פֿון טאָג געלאַכט,
דאָס איז, װײַזט־אויס, געװען די ערשטע ליבע־נאַכט.

אַ טאָטער איז געגאַנגען און װײַנטרויבן געטײלט
און אײנער האָט אונז מעשיות גאָר װאונדערליך דערצײלט.



ז. סעגאַלאָװיטש

פֿאַר דעם, וואָס קאָן נאָר חלומען, איז שטערן גאָרנישט הויך,
פֿאַר דעם, וואָס זוכט אַ ליבע־בעט, איז פעלזן־שטיינער ווייך.

דער הימל האָט געקוקט, ווי נייגעריג פֿאַרוואונדערט,
דער אַלטער טשאַטיר־דאַג, דער באַרג האָט זיך געוואונדערט.

יאָ, באַרג איז שטום און ים איז שטום און הימל קוקט און קוועלט.
די מענטשעלאַך, ווי פינטעלאַך, זיי נעמען איין די וועלט.

## אַ לײדיג שיפל,

אַ שיפל איז נאָנט צוגעשוואומען
אַ שיפל צום ברעג איז געקומען,
אַ לײדיגעס שיפל אָהן רודער.
אַ שיפל אָהן מענטש און אָהן רודער.

ס'האָט אַ יונגפרוי געריסן די לאָקן,
ס'איז אַ יונגפרוי געלאָפן צושראָקן...
אַך, וואו איז מײַן ברודער?
אַך, וואו איז מײן ברודער?
מײַן טײערער ברודער?

דער ים האָט געשפילט מיט די פּאַליעס,
דער ים האָט געשטראַלט מיט די פּאַליעס.
און דאָס איז זײַן ענטפער...
און אַלעס ...

# מיר גײען אין װײסן.

מיר גײען אין װײסן, מיר גײען אין װײסן,
װי קינדער באַשטראַלטע, באַגאָסן מיט שײַן.
און אַלץ, װאָס מיר טוען, איז הײנט אױף צופֿלײסן,
נישט ערנסט... מיר קאָנען הײנט ערנסט נישט זײַן.

מיר גײען אין װײסן, מיר שװעבן, מיר שװימען,
אַזױ װי די זעגלען אין װײסעניש־װײט.
דער װינט װידערהאַלט אונז מיט זילבערנע שטימען!
און פֿירט מיט די קלײדלאַך אַ שטיף און אַ שטרײַט.

הײנט בליען אין גאָרטן נאָכמער װײַסע רױזן
און װײַס איז דער װאָלקן הײנט איבערן באַרג,
דער שױם איז נאָך װײַסער בײַם ים הײנט בײַם בײזן,
עס קלאַפּן די פּאַליעס און שרעקן נישט שטאַרק.

עס פּלאַצן מאַגנאָליעס בליץ־װײַסע... מיר רײַסן,
מיר גײען פֿון גאָרטן צו גאָרטן מיט פֿרײד.
מיר גײען אין װײסן, מיר גײען אין װײסן,
די זון גײט אונז נאָך און באַגלײט און באַגלײט.

# לענאָרא

מען האָט אונז געגעבן אַ זעגל אַ ווייסן.
דער שיקזאַל איז בייז און דער ווינט איז אַ כעסן—
מיר זיינען געשוואומען מיט מונטערע אויגן,
געלאַכט פון דעם שיקזאַל, געלאַכט און געפלויגן.
לענאָרא, לענאָרא,
מיר טראָגן זיך ווייט.
מיר זיינען אַ פּאַליע
אין שטראָם פון דער צייט.

מיר האָבן געפונען אַן אינזל אַ קליינע,
דער טאָג און די נאַכט זיינען אונזערע שכנים.
און אָפענער הימל באַשטראַלט אונזער שאָטן—
מיר האָבן אי דערנער, אי בלומען צוטראָטן.
לענאָרא, מיר זיינען
די לעצטע, וואָס ליבן
און ווערן פון שטורם
צו שטורם געטריבן.

צובראָכן דאָס שיפל, דער זעגל צוריסן—
מיר הויבן די הענט און מיר גיבן צו־וויסן:
דעם הימל, דעם דונער, דער נאַכט און דעם מאָרגן,
עס האָט אונז דער שטורם אין אָפּגרונט פאַרבאָרגן.
לענאָרא, מיר זיינען
די לעצטע לעגענדע,
מיר זינגען און שטאַרבן
און בענטשן די ענדע.

TARTU.

## באַגינען.

עס הויבן זיך שפּעטלאַך, הייסינקע שפּעטלאַך, העלער און העלער
און פליען, נישט-פליענדיג, און שוועבן, נישט-שוועבנדיג.
דער הייסער פרימאָרגן אין מילך־טוי איז לאַנגזאַם געקומען
און ציט־אויס אַ חתונה-שלייף פאַרן טאָג, פאַרן ליכטיגן.

אַ נאַקעטער ליגט ער אַנטקעגן דעם הימל, דער ים, דער צוברידענער,
מיט טויזנטער קניען, מיט טויזנטער זילבערנע אָרעמס,
און ציט זיך און הויבט זיך און קאָן זיך פון גרויסקייט נישט שטעלן—
ער קאָן מיט די פיס נישט דערלאַנגען אודאי דעם אָבגרונט דעם טיפן.

און עמיצער קריכט שוין בײַם ברעג, ווי אַ מילב אויף אַ שיבל,
און נאָך איינער שלענגלט אין וואַסער אַ לאַנג-לאַנגע נעץ מיט בענקשאַפט,
נאָר קליין זעהען בערג אויס און שטעטל און גאָרטן אין ווילע,
ווען ים עפנט אויגן און שפּיגלט זיך פריילעך אין הימל.

## עס לאָזט דער ווינט נישט שלאָפֿן.

עס לאָזט דער ווינט בײַנאַכט דעם ים, דעם אוראַלטן נישט שלאָפֿן
און וויגט אים גלעטנדיג און גלעט פֿאַרליבט די אויפֿגעוואַלטע פֿאַליע,
און מיד אַזוי און זיס פֿון דרימל און פֿון ליבע —
הויבט אויף דער ים דעם קאָפּ און טוליעט אים באַלד ווידער
טיף-טיף, אין וויילער טיפֿעניש מיט אַלע נײַבאַגלאַנצטע שטראַלן,
מיט אַלע נאָנט-פֿאַרנייגטע שאָטנס און מיט אַ רגע פֿון דער נאַכט.

און באַלד קומט־אָן צום ברעג אַן אויסשפּירער, אַ שטראָם
און זוכט בײַם זאַמד, בײַ קליינע שטיינדעלאָך און זוכט און זוכט
די רגע די פֿאַרשוואונדענע פֿון אונזער ליכט.

און שטילער, שטיל!
דער ים אַליין, דער רוישנדער איז אייביג.
נאָר פֿאַליעס—רגעס שטאַרבן אויגנבליק.
אַ בליק, אַ שפּרונג און אַ געראַנגל,
דערזעהן די וועלט און שוין נישטאָ...

## צום ים.

מײַן ליבּ־געזאַנג געהערט צו דיר און צו דײַן שטורם,
און אויפֿגעמונטערט גײ איך הויך אַרויף אויף באַרג און טורם,
מײַן האַרץ, מײַן אויג זאָל װײַט אין װײַסקײט דיך באַגריסן,
ביז ענדלאָז־װײַט, װאו הימל באָדט זיך אין דײַן פֿליסן,
װאו זון גײט אויף און װערט דערטרונקען,
װאו שטערן לעשן זיך, װי פֿונקען...

מײַן ברכה שיק איך צו דײַן גרויסקײט,
צו דײַן רוהיגקײט און בײזקײט,
צו יעדער פֿאַליע, װעלכע קעמפֿט און פֿאַלט
צוליבּ אַ רגע זײַן באַשטראַלט.

און דאַכֿטן דאַכֿט זיך מיר: אַ װײַסל־זעגל
װעט אָנקומען צו דײַנע ברעגן,
אַ פֿליגעלדיגער װײַסער זעגל...

# אין ווייסן שיין באַגאָסן.

אין ווייסן שיין באַגאָסן הייגגען אויף די בערג די ווילּיעס,
אין שטילן קניען ליגן אויף דער ערד די שאָטנס
פֿון שפּיציג־הויכּע מינאַרעטן און שמאָלע־שמאָלע קיפּאַריסן,
און ביזן ים מיט מיר גייט מיט א סטרונענדיגע שטילקייט,
און שטייט און קוקט און פֿאָרשט מיט מײַנע מידע אויגן
דעם סוד פֿון נאַכט בײַם ברעג פֿון ים.

און ווייסן ווייס איך נישט, צו וואָס איך בין צום ברעג געקומען,
ווען אַלע שלאָפֿן שוין אויף באַרג און טאָל און אפשר אויך אין הימל.
כ׳וועל דאָך גיך אַליין אַריין אין גרויסן תהום פֿון שווייגן.
און ווער דערקאָנט א זעמדעלע, וואָס שטויבט אין נעץ פֿון שטראָמען,
און ווער דערהערט אין ווינט דעם אָטעם פֿון די עלטער־עלטער דורות,
אין ווינט, וואָס וויגט דעם גרויסן ים.

עס איז דאָס שווייגעניש טליִען פֿון זיך באַגייסטערט און פֿאַרוואונדערט.
אַזוי איז שטיל... פֿון באַרג ביז ים, פֿון ווייטן פֿעלז ביז צו מיין שווייגן.
און וואונדערליך זעהט־אויס, וואָס אין אַזאַ פֿון דרערד ביז הימל שווייגן,
קלאַפּט־אויס אַ קלײנעס האַרץ גאַנץ לאַנגזאַמע סעקונדעס
און זאַמלט זיי, און זאַמלט פֿאַר טויט, פֿאַר שטויב און פֿאַר דעם מדבר,
פֿאַר ווינט און פֿאַר דעם שוים פֿון ים.

# הערבסט־גאָלד.

## אין גאָרטן.

I.

געל־גאָלדענע גאַרדינען
און ליכטיג, ווי בײַ גאָט,
איך קאָן הײַנט נישט געפֿינען
קײן שאָטן אין מײַן סאָד.
געל־גאָלדענע דיוואַנס,
ווי נײַגעריג עס איז.
עס גליטשן זיך קאַשטאַנעס
בײַ מיר אונטער די פֿיס.
דאָ ליגן טויטע בינען,
שוואַרץ־גלאַנציג נאָכן טויט.
די קאַלינע־רובינען
פֿאַרגרעסערן מײַן פֿרייד.
גאָלד־געלע קאָרידאָרן,
וואו פֿירן זײ, וואוהין?
צי בין איך נישט געוואָרן
הײַנט רײַכער, ווי איך בין?

# הערבסטגאָלד.

## II.

פֿון נאַנטן בוים, פֿון ווינטל־בלאָז
לויפֿט־אָן אַ שפּינוועבס אויף מיין נאָז.
װאָס וויל ער מיר דעם וועג פֿאַרצוימען
צו מײַנע ניט־בעגולטע טרוימען?

איך האָב קײַן נחת נישט פֿאַרזוכט,
עס האָט קײַן פֿרײַנט מיך נישט געזוכט,
דער גילער זומער איז פֿאַרשוואונדן
און האָט מײַן האַרץ נישט אָנגעצונדן.

איצט שפּיל איך זיך מיט גאָלדנעם שטויב,
און ווי איך טרוים און ווי איך גלויב...
איך קום אויף גאָלד אין גאָרטן טאַנצן
און זעה ווי מײַנע אוצרות גלאַנצן.

איך טייל זיך נישט מיט קיינעם, ניין!
מײַן וועג מײַן איינזאַמער איז שיין.
און אַלץ, וואָס רייצט די אויגן מײַנע—
דאָס אַלץ וועט זײַן און בלײַבן מײַנע...

## וואָס מערער ביימער.

III.

װאָס מערער ביימער, װאָס מערער ביימער,
אַלץ מערער שאָטן פאַלט אין סאָד.
װאָס מערער שאָטן, אַלץ מער געהיימער
זעהט־אויס דאָס שווייגן פון מיין גאָט.

ס'האָט יעדער גאָט צען עלטער־געסטער,
און יעדער טויט באַנייט אַ דור.
איך טרעט אויף גאָלד... אויף טויטע בלעטער
און איך באַדויער נישט מיין יאָר.

ס'האָט יעדער וועג צען נייע װעגן
און יעדער קלאַנג אַ ווידערקול.
װאָס מער װעסט זוכן, וואָס מער וועסט פרעגן,
אַלץ מער פאַרפלאָנטערט דיך דער טאָל...

## IV.

אַ רעגנדל טראָפּנס אַ מידער
און פּיקט מיר אין פענסטער אַרײַן.
איך לײען סערוואַנטעסן ווידער
און הער מיך צום רעגן נישט אײַן.

איך רײַט אויף אַ טערקישער סאָפע
און חלום פון זומער נאָך אַלץ.
נאָר סאַנטשאָ ליגט אונטערן סאָפע
און שיט אויף די וואונדן מיר זאַלץ.

אַוועק איז פון דיר דולצענײע,
דײַן זומער איז אויך שוין אַוועק.
עס קומען־אָן קעלטן און שנײען
און פּוסט איז דײַן לעבן... אַ שרעק.

# אַ קאַראַהאָד.

V.

מיט געלע בלעטער רוישט דער סאָד.
אַ קאַראַהאָד, אַ קאַראַהאָד.
עס שלײנגלען זיך פיל געלע צעם,
עס טראָגן זיך פיל הירשנקעפ,
צװײגן־הערנער,
בלעטער־דערנער,
טויטע בינען, שמעטערלינגען—
אַלץ צוזאַמען אין אײן שפּרינגען.
שפּינװעבס־פעדם, פײגל־נעסטן,
אַלע בײמער ביז דעם גרעסטן—
שאָרכן, רוישן אײנגעהאַלטן...
און דאָס װאַסער לאַפט אַ ציטער,

טראָגט־אַוועק פֿיל דאַרע ריטער,
שטויב פֿון בלומען,
אַש פֿון בלומען,
טראָגט־אַוועק אין ים אין קאַלטן
אונזער זומער,
פֿרייד און זומער,
בלעטער־שומות
און חלומות...
אַ קאַראַהאָד, אַ קאַראַהאָד—
מיט געלע בלעטער רוישט דער סאַד.

## דער נאָרטן שווייגט.

### VI.

דער גאָרטן גלאַנצט, ווי אַן אָרקעסטער
מיט גרויסע, מעסענע טראָמפּייטן,
די גאַקעט־אָפּגעדעקטע צווייגן
זעהען־אויס, ווי לאַנגע פלייטן.

די זונען־רויזן בליצן פריילין,
ווי טאַזן רונדע אָפּגעשייערט.
צי מען וואַרט א גייעם הערשער?
מען בעגלייט דאָ, צי מען פייערט?

די קאַלינעס מיט רויטע מיצן,
מיט רויטע מאַנטלען—קאַרדינאַלן.
אַלע וואַרטן, אַלע שווייגן...
אין דין־דינעם שפּינוועבס פאַלן.

## מיין גאָלד.

### VII.

רעגדלאַך, רענדלאַך אָנגעסאָסן,
וויפּיל האָב איך זיי צעטראָטן,
וויפּיל האָט דער ווינט צעטריבן—
און אַזויפּיל נאָך געבליבן.

דאָך זיי וועלן דאָ שוין בלײַבן;
איך וועל קײנמאָל גאָלד נישט קלײַבן,
גלאַנצט און שימערט פאַר די אויגן,
איך צו דרערד וועל זיך נישט בויגן.

שאַרפט, ווי זייד—איר וועט נישט נאַרן:
מיט די פיס וועל איך צעשאַרן
אײַך אויף אַלע, אַלע זײַטן
און זיך פרייען פונדערווײַטן.

זאָל מען קומען, זאָל מען נעמען
ווער עס וויל... כ'יך וועט נישט קלעמען.
אַלע גערטנער, אַלע וועגן
זיינען פול מיט מיין פאַרמעגן.

## VIII.

דאָ איז זיך גוט צו זעגענען
אין זעהן, ווי אַלץ פאַרגייט
די ביימער, נאָר זיי רעגענען
מיט גאָלד־באַשיינטן טויט.

דער אמת איז אין שווייגן דאָ,
דו פילסט עס און פאַרשטייסט.
דער אמת איז אין שווייגן דאָ,
נישט וואָרט פון מיר קיין טרייסט.

דער חופּה־שטאַנג, דער געלביגער
ווערט שיטערער פון ווינט.
איך בין שוין נישט דערזעלביגער,
דו רייצסט שוין נישט, מײַן קינד.

אַ שפּינוועבס פאַלט־אַראָפּ אויף אונז,
אַ פאָדם דין־באַשטראַלט,
אַ שפּינוועבט פאַלט־אַראָפּ אויף אונז
און רײַסט זיך איבער באַלד...

יט

## נאַסטורציעס אויף באַלקאָנען.

IX.

נאַסטורציעס אויף באַלקאָנען און שלײַנגלדיגן חן,
װי פרעסקעס, װי אַ בלומענקײט אויף ציגעל און אויף שטײן.
איך האָב אין זײ אַ נאָענסקײט, אַ קרובעשאַפט דערקענט—
נאַסטורציעס אויף באַלקאָנען, נאַסטורציעס אויף די װענט.

איך בענטש אַצינד די שעה, װאָס האָט דעם קערנדל דערשפירט,
דעם שטראַל, װאָס האָט אין גאַסנשטויב די בלומען אָנגערירט...
די הענט, װאָס ברענגען װאַסער דאָ—איך בענטש אַצינד די הענט —
נאַסטורציעס אויף באַלקאָנען, נאַסטורציעס אויף די װענט.

צו מיר, װאָס גײט אין שאָטן דאָ, װאַרפט קײנער נישט קײן בליק.
נאָר דרײַ מאָל גײ איך װײט אַװעק און קום דרײַ מאָל צוריק.
איך קוק, אַלײן זיך שעמענדיג, פון שטילען סאַנטימענט—
נאַסטורציעס אויף באַלקאָנען, נאַסטורציעס אויף די װענט...

## נאַסטורציעס.

### X.

ווי רוהיגע פלאַמען פאַרטאָג, גאָר באַגינען,
ווי עפּלבוים רויט און ווי געלע ציטרינען,
ווי גאָלדענע רענדלאַך, ווי שטאָלצע מעדאַלן:
נאַסטורציעס אין שאָטן, נאַסטורציעס אין שטראַלן.

צעשאָטענע בראָנז אויף די שמאָלע קאַרניזן,
אַ רמז אויף זומער, אַ יונגפרויס קאַפּריזן...
אָט באַלד וועט אַ האַנט זיך אַ ווייסע באַווייזן
און גלעטן די בלומען, וואָס פאַלן צום אייזן.

אַ בענקשאַפט צו ווענען, אַן אָנזאָג, אַ סימן
פון עפּיס אַ ליבע, אַ סוד אַ אינטימען...
געשליינגלטע בלומען אויף הייזער, ווי תּפיסות—
איך גיי מיט אַ ברכה, איך זינג און באַגריס עס.

# װינטער־חלומות.

I.

כ׳װעל נעמען אַ שופֿר און בלאָזן
און פֿרײַנט װעלן קומען אַכך.
מיר װעלן דורך װעלדער זיך לאָזן
צוטרײסלען דעם זילבער פֿון טלך.

דעם סאַמעט דעם װײכן צעטרעטן
און זוכן סימנים אין שניי...
צעשיקן שלוחים־סטאַפֿעטן
און װאַרטן סיגנאַלן פֿון זיי.

די הינט װעלן לויפֿן און בילן
און יאָגן פֿאַרסאָפּעקס אַ הז.

אין װאַלד אין פֿאַרקלערטן אין שטילן
װעט פֿאַלן אַ פֿרײַליכער שאָס.

די טראָפּנס די רויטע, װי קװײטן,
װי רויזן, װאָס בליען אין שנײ.
דעם װאַלד װעט די װײַטקייט באַגלײטן
אין עכאָ פֿון אונזער געשרײ...



TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

מײַן הוט האָט בלויע פֿעדערן,
מײַן הערב איז גוט-באַקאַנט.
איר ווער באַגריסט פֿון יעדערן,
איך גײ און דריק די האַנט:

בײַ מענער, און בײַ יונגע פֿרויען,
איך רוף און לאַך צו זײ...
ווער וועט מיט מיר זיך לאָזן בויען
אַ ווײַסן שלאָס פֿון שנײ?

אַ ווײַסן טרוים פֿון שטויביגקייט,
ווי יעדער טרוים אויף דרערד.
נישטאָ קיין זאַך אין אײביגקייט,
וואָס ווערט נישט באַלד צעשטערט...

עס ציטערט טאָל און ווייטעניש
פֿון לאַכן און געשרײ:
פֿאַרשיט מיך, פֿרויען פֿרײלעכע,
מיט קושן און מיט שנײ...

III.

אין מיר איז אַ גלגול אַרײַן פֿון אַ יעגער...
אין װײַסן פֿרימאָרגן איך שפּרינג פֿון געלעגער
וואו זיינען די ביקסן? איך טאַפּ מײַנע װענט—
איך זוך און איך בלײַב דאָ מיט לײדיגע הענט.
אין זעקל פֿון תּפֿילין געפֿין איך קיין שראָט.
איך קוק דורכן פֿענסטער אַרויס אויף דער שטאָט:
דאָס זיינען קיין הײַזער, קיין תּפֿיסות, נאָר שלעסער,
פֿאַרשנייטע פּאַלאַצן און גרעסער אַלץ, גרעסער,
און ווילד ווערט מײַן בײנקשאַפֿט צום וואלד, צו די שנייען,
עס וועט מיט וואָס אַנדערש דער טאָג מיך נישט פֿרייען.
און אָט זיינען וועלדער שוין ווײַסער און נאָנטער,
איך קריך דורך די ביימער, איך בלאָנדזשע אין פּלאָנטער
פֿון בילדער און וויזיעס פֿון גרויען פֿאַרצייטן:
ווער שפּרײַזט דאָרט? ווער שפּילט דאָרט? ווער שיסט פֿונדערווײַטן?
ווער איז אויף מײַן ערד אומגעבעטן געקומען?
ווער האָט מיך באַגנבעט, מײַן ביקס צוגענומען?

## IV.

װײַסע װילדע פּערענעס —
לולינקע, מײַן װעלט!
שלאָף אונטער די פּערענעס,
אומעטיגעס פֿעלד!

קראָען מיט באַגלאַנצטע קעפּלאַך
גריבלען זיך אין שניי,
זעהען־אויס, װי שװאַרצע קנעפּלאַך
אויף אַ װײַס געני.

שטײט אַ ביימל, אַ סקעלעטל,
אײַנגעפֿרױרן, טויט.
װאו איז דערפֿל, װאו איז שטעטל?
װאו איז מענטש און פֿרייד?

פֿאָרט אַ פּויער מיט אַ טרומנע...
טויט איז דאָך די װעלט!
שלעפּ־זשע, װינט, אַראָפּ די טרומנע
דאַ אינמיטן פֿעלד!

## V.

עס װעט אַמאָל אַרויס אַ שניי,
אַ טאָג, אַ נאַכט, אַ טאָג און צוויי.
אַ טאָג, אַ װאָך און ביז אַ יאָר—
עס הערט נישט אויף, עס שנייט און גאָר.
צוערשט די גאַס, שוין ביזן שוועל,
שוין איבער לאָדן, איבער דעל.
פֿאַרשאָטן דאַך, פֿאַרשאָטן װאַנט,
פֿאַרשאָטן דאָרף און שטאָט און לאַנד.
און אָט אַזוי און אָט אַזוי:
די גאַנצע װעלט װעט זײַן אין שניי...

דער מענטש װעט צוגיין צו זײַן טיר,
נאָר טיר און לאָדן—נישט קײַן ריר.

פֿון אונטן שניי, פֿון אויבן שניי,
עס ווערט פֿאַרגליווערט זײַן געשריי,
ער גראַבלט, גראַבלט טיף און ווייך
און פּרובט ער בלאָזן—פֿעלט אים הויך,
און פּרובט ער קריכן—וואו און ווען?
ער וועט שוין מער דאָס ליכט נישט זען...
און אַט אַזוי און אָט אַזוי:
די גאַנצע וועלט וועט זײַן אין שניי...

אויף רײַכע בעטן און אויף שטרוי
וועט אויסשטאַרבן די וועלט אין שניי,
און באַלזאַמירן וועט די קעלט
דעם גרעסטן פּחדן און דעם העלד,
די מויז אין קעלער און מיט איר
דאָס גאַנצע הויזגעזינד פֿון גביר.
דעם תּפֿיסה־וועכטער בײַ דער וואַנט
און דעם פֿאַרשפּאַרטן אַרעסטאַנט...
און אַט אַזוי און אָט אַזוי:
די גאַנצע וועלט וועט זײַן אין שניי...

ס'וועט זײַן די וועלט פֿאַרגלווערט־רוי,
אָך, נישט קיין וועלט, נאָר שניי און שניי,

קיין פֿאַרב, קיין צייכן וועט נישט זײַן,
קיין אָפּקלאַנג נישט, קײַן ליכט, קיין שײַן.
אַ ווײַסע וויסטעניש—נישט מער,
אָהן רוף, אָהן אויג און אָהן געהער,
אַ ווײַסער טויט פֿון פֿראָסט און אײַז,
תּכריכים אײביק נײַ און ווײַס...
און אָט אַזוי און אָט אַזוי:
די גאַנצע וועלט וועט זײַן אין שניי...

## אַ ווײַסע וועלט.

### VI.

אַ ווײַסע וועלט, עס ווערט מיר פֿרײליך.
שוין אַלץ פֿאַרדעקט, שוין אַלץ אין שנײ.
דעם פֿורמאַנס קאַרק, זײַן דאַרער פֿערדל,
דער לאַנגער ענדלאָזער שאָסײ.

דאָס פֿערדל שלעפּט זיך מיד און לאַנגזאַם
און ציט דעם שליטן אויפֿן באַרג.
דער פֿורמאַן שלאָפֿט... איך מאָל און צײכן
אויף זײַן ברײטן, ווײסן קאַרק.

איך פֿאָר פֿאַרבײַ אַ קלײנעם דערפֿל,
דאָרט וואוינט אַ ייִד שוין יאָרן פֿיל
אויף פֿרעמדער ערד מיט פֿרעמדע שכנים,
אַ פֿרעמדער וואַסער טרײַבט זײַן מיל.

איצט שטײט די מיל פֿאַרשנײט, פֿאַרפֿראָרן
און גאָט און מענטש זעהט־אויס פֿאַרלאָרן.

שוין חידער פֿעלד, עס שטיפֿט אַ ווינטל
און זײפֿט מיר אָן מיט שנײ דעם קאָפּ.
דער פֿורמאַן ברומט עפּעס אין חלום,
דאָס פֿערדל טראָגט זיך באַרג־אַראָפּ.

## VII.

מצבות און קברים אין חײַסן פֿאַרצויגן —
„קראַ!“
אַ פֿערד ליגט אַ פּגר אין פֿעלד אויסגעצויגן —
„קראַ!“
הינט רײַסן שטיקער פֿון פֿערד און אַנטלויפֿן —
„קראַ!“
שפּרינגט שוין אַ קראָ פֿון דערהײַטן אַ שוואַרצע —
„קראַ!“
טאַנצט שוין אַ מחנה מיט שטאָלענע שנאָבלען —
„קראַ!“
פֿליקן זיי, פּיקן זיי לאַנגזאַם דעם פּגר —
„קראַ!“
שצירן די ציינער זיך שרעקליך בײַם פּגר —
„קראַ!“

## אויפן באַרג.

### VIII.

אויפֿן באַרג איז דער שניי נישט געריַרט,
אויפֿן באַרג האָט דער ווינט הײַנט שפּאַצירט...

איצטער רײַצט מיך די ווײַטקײַט און בלענדט,
איצטער האָב איך גאַנץ לעבן דערקענט.

אונטן שײַנען די הײַזלאַך אין שניי
און דער נאָדל־וואַלד גרינט נעבן זיי...

און די בלויקײַט פֿון שלײַנגעלע רויך
שיקט אַ האַרציגן גרוס אין דער הויך.

שיקט פֿון דערפֿל אַ האַרציגן גרוס—
נאָר איך וואַנדער שוין ווײַטער... איך מוז...

# אין פֿעלד.

IX.

איך בין הײַנט אין פֿעלד געגאַנגען
און קײנעם נישט געטראָפֿן,
נאָר פּלוצלונג איז אַ ש יטעלע
מיט אימפּעט אָנגעלאָפֿן.

אין שליטן איז געזעסן װער,
געלאַכט הויך און געזונגען...
די גלעקלאַך האָבן מיטגעלאַכט
און װײַט־װײַט אָפּגעקלונגען.

צעשראָקן פֿון דער האַסטיגקײט
בין איך נאָך לאַנג געשטאַנען,
געקוקט אין װײַטן פֿעלד אַרײַן,
געקוקט און נישט פֿאַרשטאַנען...

אָך, אפשר איז דאָס גליק אַזוי
מיט האַסט פֿאַרבײַגעפֿלויגן.
באַװיזן זיך און גלײַך מיט שנײ
פֿאַרשאָטן מײַנע אויגן?

## אין חודש שבט.

X.

אין חודש שבט איז טויט די ערד,
און איך האָב לאַנג שוין נישט געהערט
די קלאַנגען פֿון מײַן ליד,
די קלאַנגען פֿון מײַן ליד.

אַך, אומגעדולדיג וואַרט מײַן האַרץ,
דער שניי זאָל גיכער ווערן שוואַרץ,
דער טײַך זאָל נעמען גײן,
דער טײַך זאָל נעמען גײן.

און ווען דער טײַך וועט נעמען גײן,
וועל איך אַוועק אין פֿעלד אַליין...
און גאָט וועט זײַן מיט מיר,
און גאָט וועט זײַן מיט מיר.

## ווינטער-בעז.

### XI.

אויפֿן גאַס אַרום דעם פֿענסטער פֿליען שנײעלאַך און װײען
און אין פֿענסטער שטײען בלומען װײַס און װײַסער פֿאַר די שנײען...
בלומען דורכזיכטיק־פֿאַרבײַנקטע צו די שנײעלאַך אין דרויסן,
צו דער װײַסקייט, װעלכע קלאַפּט זיך אין די שויבן אָהן אַן אָטעם.

בעז אין װינטער, װי די נעצן פֿאַר צעשראָקענע מאַטילן,
בעז אין װינטער, װי גירליאַנדן פֿון דעם טוי־פֿראָסט אויסגעװעבטע,
דינע פֿעדם, נישט דערשפּונען אין אַ שװײַגעדיקן פֿלאָנטער...
אין אַ צויבער־טרוים פֿאַרגליװערט... טויטע־לעבעדיקע בלומען.

און אַרום די ברייטע גאַסן זײַנען שװײַגעדיק פֿאַרשאָטן,
אָפּגעפּודערט מיט דער װײַסקייט אין אַ לאַנגזאַמער באַװעגונג,
און דורך שניי־װײַסע גאַרדינען, דורך די ציטערדיקע טוליען
פֿאַלן ראָזע, שטילע שאָטנס פֿון די פֿענסטער געגנאיבער.

בעז אין װינטער—צװײגן־העלזער, װי בײַ װײַסע פֿרומע פּאַװעס.
בעז אין ווינטער... אײַנגעדרעמלט און פֿאַרחלומט זיך פֿון זומער.
בלײַך די גרינקײט פֿון די בלעטער, װי די בעכערס פֿון פֿאָנטאַנען,
װאו עס פֿאַלן דימענט־טרערן פֿון די רגעס, װעלכע שטאַרבן.

זאָל די װײַסקײט מיר פֿאַרװיגן מײַנע ספֿקות און מײַן אומרו
און אַהײם װעל איך אװעקגײן מיט אַ טרײַהײט נאָך די בלומען.
נאָכאַמאָל פֿאַרליבן זיך אין שװײַגן און אין שאָטנס,
אין נאַכט און אין די לידער, װאָס װערן נישט דערזונגען...

## רויטע טולפּאַנעס.

XII

פֿון אַ פֿענסטער האָבן פֿריילעך זיך צעפֿינקלט
רויטע, בורפורנע טולפּאַנעס:
אויף צו להכעיס נאַכט און ווײַסקייט,
שניי און ווינטער אויף צו להכעיס.

שניי אויף הייזער ענגעפאַסטן,
אויף קאַרניזן, אויף די דראָטן,
שניי אויף דרערד און שניי אין פֿעלן,
ווײַסקייט, ווײַסקייט איבעראַלן.

ווײַסקייט, ווײַסקייט,
נאָר עס קריכן אין דער ווײַסקייט:
רויטע פֿינגער, רויטע שפּיזן,
רויטע שאָטנס...

עס באַגלײַט מיך
און עס נויט מיך
נאָכאַמאָל צום פֿענסטער קומען,
צו די רויטע, צו די לעבעדיגע בלומען.

# פּרילינג.

## I.

איך עפֿען מײַנע אָרעמס ברײט, איך שטײ איבערײַטן פֿעלר,
פֿון הינטן יאָגט די שטאָט מיר נאָך, פֿאָרױס—אַ פֿרײַע װעלט.
אַ הײַסער פֿלעק, אַ שװאַרצער פֿלעק און ערגעץ איז שױן גרין,
און ערגעץ פֿליסט אַ װאַסערל—עס שלײַנגלט זיך אַהין זין.
עס שװעבט איבערן דערפֿל הײט אַ טױבן־קאַראַהאָד—
און אַלעס ברײַנגט עס מוטיגקײַט דעם מאַן, װאָס קומט פֿון שטאָט.

אין האַלד איז אַזױ שרעקענדיג, דאָך ציט עס מיך אַהין.
אַ ביסל מאָך פֿאַרשימעלטע, די סאָסנעס—פֿריש און גרין.
איך רײַס געשװינט אַ צװײַגל אָפּ, די נאָדלען—דופֿט און זאַפֿט,
איך זױג פֿון זײ דאָס ביטערניש, װי אַ פֿאַרכישופֿט קראַפֿט.
איך ספּרײַז איף פֿרישע זאַמד־בערגלאַך—די נאָרעס פֿון דעם קראָט—
און אַלעס ברײַנגט עס האָפֿענונג דעם מאַן, װאָס קומט פֿון שטאָט.

די זון האָט מיך אַרויסגענאַרט פון וואַלד צוריק אין פעלד
און ווידער פאַר מיר אויפגעדעקט די ווײַטקייט פון דער וועלט·
איך גיי און איך דערוואַרט עפּיס, עס בלאָזט מיר אין געזיכט
די וואַרימקייט פון ערד־אָטעם, עס פאַלן שטראָמען ליכט.
זיי גיסן זיך פון הימל-הויך מיט געטליכער גענאָד,
און זינגען וויל און קניען וויל דער מאַן, וואָס קומט פון שטאָט.

# קום צופאָרן.

II.

קום צו פֿאָרן, מירקע! דו וועסט מיך נישט דערקענען,
די זון האָט מיך פֿאַרברענט—זי וועט דיך אויך פֿאַרברענען!
טונקעלער שטאָל מיינע הענט,
טונקעלער בראָנז מײַן געזיכט,
איך האָב דאָ א פֿאַלאַץ אָהן ווענט,
פֿון בלומען, פֿון גריגנס און פֿון ליכט.

קום צו פֿאָרן, מירקע! עס איז די צייט צו ליבן,
איך האָב צו דיר דעם בריף מיט שטראַלן אָנגעשריבן.
קומסטו נישט באַלד, וועט זײַן שפּעט,
אנדערע שמייכלען מיר טריי.
קורץ איז דער טרוים בײַם פּאָעט,
שטאָלץ איז זײַן ווילן און פֿרײַ.

## פרילינגסליד.

### III.

דאָס האָסטו געבראַכט דעם פרילינג,
גרינס און ליכט האָסטו געבראַכט...
דאָס האָסטו דעם אַלטן בחור
יונג און שטיפעריש געמאַכט!

וואַלד און פייגל, קוואַל און לאָנקע—
ערד און הימל זינגט פון מאַי.
אויפגעזוכט האָב איך מײַן וואַרפע
און עס שפּילט זיך לײַכט און פרײַ.

דאָס האָסטו די שוואַכע סטרונעס
אָנגעצויגן אַזוי פעסט!
הער נאָר, מיידל, ווי זיי קלינגען,
זעה נאָר, מיידל, ס'קומען געסט:

בליץ און דונער, רעגנבויגן,
זודיג־זון און תאוה־נעכט...
דאָס האָסטו באַשײַנט דאָס לעבן
און באַפרײַט דעם ספק קנעכט...
דאָס האָסטו!..

# אין קאַזמערזש

IV.

אויפֿן באַרג, אויפֿן באַרג צו דעם אוראַלטן שלאָס,
וועלכער שטייט אָהן אַ דאַך מיט צולעכערטע ווענט,
דאָרטן לייגט מען צונויף אַ קליין שייטערל האָלץ,
אַך, ווי פֿריילעך עס ווערט, ווען דאָס שייטערל ברענט.

אונז איז ווייניג דער טאָג, אונז איז ווייניג די נאַכט...
וואו עס שוועבט נאָר אַ טרוים, מוז ער אונזערער זײַן!
אויפֿן באַרג, אויפֿן באַרג צו דעם אוראַלטן שלאָס—
דאָרטן פֿאַלן בײַנאַכט אַ סך שטערן אַרײַן.

## V.

בײַם קסיאָנדז אין גאָרטן בליִען רויזן,
דער קסיאָנדז אַליין איז אַלט און שוואַך.
ער האָט דערפֿאַר אַ הונט אַ בייזן—
דער הונט איז שטענדיג אויף דער וואַך.

און ווילן קינדער רײַסן רויזן,
און שפּרינגען קינדער דורך דעם פּלויט,
רײצט־אָן דער קסיאָנדז דעם הונט דעם בייזן
און שטייט און שמייכלט שטילערהייט.

## די שוואַנען

### VI.

די שוואַנען די שלאַנקע, די ווײַסע,
זײ שווימען אַלץ נענטער צום ברעג;
דאָ פֿעדערן זײ זיך געלאַסן—
די פֿעדערלאַך פֿליען אַוועק.

פֿאַרנאַכט, ווען דאָס וואַסער ווערט וואַרים
און רויט פֿון דעם בלוטיגן שײַן,
דאַן ווערן די שוואַנען שוין מידער,
זײ דרעמלען... זײ שלאָפֿן שוין אײַן.

די שנאָבלען פֿאַררוקט אין די פֿליגלען...
ווער ווײס זײער טרוים, ווער פֿאַרשטײט?
זײ כאַפּן זיך אויף אויף אַ רגע
און שווימען פֿאַרשלאָפֿענערהײט.

און שפעט, ווען אַ פֿויגעל אַ ווילדער
דערלאַנגט ערגעץ נאָנט אַ געשריי,
דאַן שלאָפֿן שוין מער נישט די שוואַנען—
עס פֿאַלט־אָן אַ פּחד אויף זיי.

זיי שווימען אַרום אינדערפֿינסטער
און קוקן אַרויף און אַראָפּ
און שלינגען די גאָלדענע שטערן,
וואָס שפּיגלען אין וואַסער זיך אָפּ.

## די קאַשטאַנעס בליען.

### VII.

װי די גרויסע הײנגלײַכטער
פֿון דער אַלטער שול,
װאַרפֿן ליכט די װײַסע צװײַגן,
װײַס... מיט בליעכטס פֿול—
די קאַשטאַנעס בליען!

װי די שענסטע חופּה־שטאַנגען
שטייען זיי שוין גרייט...
װעמענס חתונה מיט מזל?
װעמענס איז דאָס פֿרייד?—
די קאַשטאַנעס בליען!

## די בעראָזקע.

VIII.

דער סאָפּאָל איז דער שענסטער בוים,
דאָס ווייסן לאַנג שוין אַלע ;
נאָר ווענען איז דער סוד באַוואוסט :
דער סאָפּאָל האָט אַ כלה...

די שניי איז ווייס איר חופּה־קלייד,
און גרין איז איר גירליאַנדע...
זי דעקט פֿאַרשעמט איר פּנים צו—
אָ, וואָס איז פֿאַר אַ שאַנדע !

## אויפן טייך.

IX.

ניב אַ קוק אין וואַסער, ווי עס שפּיגלט־אָפּ;
אַלע ביימער שטייען מיט די קעפּ אַראָפּ.

און די שטערן שווימען מיטן שיפל גלייך...
כאַפּ נישט מיט די הענטלאַך, בייג זיך נישט צום טייך!

צאַפּל נישט, געליבטע, קוק מיך בייז נישט אָן:
ס'ווינטל מעג דיך קושן — מעג איך אויך דאָס טאָן.

# פאַרטאָג.

X.

עס האָט אונז דערשראָקן דער בלייכער פֿאַרטאָג:
דאָס ליכט, וואָס האָט פּלוצלונג פֿאַרטריבן די נאַכט,
דער פֿייגל, וואָס זינגט שוין זײַן ליד אויפֿן בוים,
די בלומען, וואָס לויכטן מיט אויפֿגאַנג און טוי.

עס האָט אונז דערשראָקן דער בלייכער פֿאַרטאָג,
דאָס קרייען פֿון האָן און דעם פּאַסטוכלס פֿײַף,
דער ערשטער געדאַנק, אַז דער טאָג איז שוין גאַנץ,
די נאַכט איז אַוועק און ניסטאָ מער קיין טרוים.

## רויזן.

XI.

ניסט קײַן חלום, געטריימע, ניסט קיין ערינערונג,
ניסט קיין בילד אויף קאַנווע אויסגעהעבט—
רויזן לעבעדיגע בליען.

עס האָבן בלומען זיך געעפנט,
ווי די פאָנען פון זיגרייכע מלוכות
אין אַ יום־טוב־טאָג.
עס האָבן בלומען זיך צושמייכלט,
ווי קינדער שפילנדיג
אין זונענדיגן פּארק.
קום צו יענע פריילכע אַלייען,
וואו עס בליען רויזן.

אָס גידערן צו אונז אַזויפיל קווייטן:
נעגעלאַך אין אַלע פאַרבן, טולפּאַנעס ביז די קני
און דאָרפישע איריסן.
זעה, ליליען בליען!
נאַסטורציעס שליינגלען זיך קאָקעטיש אויף די ביימן.
מיר גייען און מיר גריסן זיך צו יעדער בלום,
מיר גייען, נאָר מיר שטעלן זיך נישט אָפּ:
עס ציט אונז בלויז צו יענער מלך־בלום—
צו די רויזן...

נישט קיין חלום, געטרייע! ווי זיי ווינקן, די רויזן,
ווי זיי בעטן זיך אין האַנט אַריין און ווי זיי שטעכן!
צעשטאָלן זיך אַ פינגער שוין, מיין שעמעוודיגעס מיידל,
א ווייסע רויז ווערט רויט פון דיינס אַ טראָפּן בלוט!
און דיין געזיכט פון מיינס אַ בליק...
אַך, לאָז! איך וועל אַליין פאַר דיר די בלומען רייסן
און דו נעם־צו... און פלעכט אַ חופּה־קראַנץ פון רויזן.

איך וועל קיין איינציג בלום אין גאָרטן דאָ נישט לאָזן,

דאָ וועלקן זיי נאָך גיכער, ווי בײַ אונז אין הארצן.
גרייט־אָן די שענסטע בלומענטעפּ, גרייט־אָן!
אויף אונזער שוועל, אויף אונזער טיש און נאַכט־געלעגער
ברייננג רויזן!

נישט קיין חלום, געטרייע! דאָס גליק איז געקומען
און ער פירט אונז, ווי אַ גאַסט אַ יונגער און אַ שטאָלצער,
און מיר גייען און מיר זינגען צווישן פלאַמען—
צווישן רויזן...

## אויפן גראָז.

### XII

איך ליג אויפן גראָז מיטן פּנים צום הימל,
איך עפן די אויגן—זײ מאַכן זיך ווידער באַלד צו.
געשמידט איז מײַן ווילן און זיס איז ביז ווייטאָג מײַן רו—
איך ליג אויפן גראָז מיטן פּנים צום הימל.

און וואָס איז מיר פּרײַנטשאַפט און ליבע געוואָרטע?
די שטראַלן, זײ ברענען און בראָטן מײַן בלייכן געזיכט...
און אַלץ איז מיר גאָרנישט, און אַלץ איז מיר קלאָר, ווי דאָס ליכט—
אָך, וואָס איז מיר פּרײַנטשאַפט און ליבע געוואָרטע?

פון נאָנטן—רוישט וואַלד און פון ווײַטן—אַ וואַסער.
צי לעבט נאָך דאָס לעבן? איך הער נישט קיין רוף, קיין באַפעל.
אַ שטראַל,—אַ געדאַנק ווערט געבאָרן און שטאַרבט אַזוי שנעל—
פון נאָנט—רוישט וואַלד און פון ווײַטן—אַ וואַסער...

# אָוונט.

I.

דורך דעם נעץ פֿון די גאַרדינען
קריכן שטראַלן... זילבער־בינען...

דורך מײַן פֿענסטער הער איך שפּילן,—
קלאַנגען שװעבן גאָר אָהן װילן.

עס דערצײלן מיר די קלאַנגען,
אַז דער טאָג איז שױן פֿאַרגאַנגען.

אַז די נאַכט האָט גאָלדנע שטערן,
גאָר דער מענטש גיסט שטומע טרערן.

װײַל ער קאָן זיך נישט דערגרײכן,
װײַל ער קאָן זיך נישט דערגרײכן...

## גאַמען.

II.

אָנהויב אָװנט.. אויפֿן הימל
לעשן זיך די לעצטע פֿלאַמען,
און מײַן שכן נעמט שוין קלאַפּן,
װי געװענליך, זײַנע גאַמען.

צי דאָס שפּילט אַ מאַן אין יאָרן,
װעלכער האָט שוין אַלץ פֿאַרלאָרן?
צי דאָס קלאַפּן יונגע פֿינגער
פֿון אַ ייִנגעלע אַ שפּרינגער.

שפּעט אין אָװנט... אויף די גאַסן
װאַנדלען מענטשן, װי געשפּענסטער,
און זיי הויבן־אויף די אויגן
צו מײַן שכנס טונקלע פֿענסטער.

צי דאָס שפּילט אַ יונגעס מיידל,
פֿינגער־ווייס, ווי נאַרציס ידל;
צי דאָס זוכט אַן אַלטע מאַמע
אירע טרייסטן אין די גאַמען.

גאַמען שוועבן מעלאַנכאָליש,
מאָנאָטאָנע, צאַרטע שטילע,
האַלבע ווערטער, האַלבע זיפֿצן
פֿון דער לעצטער אָוונט־תּפֿילה.

## אין שאָטן.

III.

אין אַ שאָטן־װינקל בײַ דער גרעסטע
פֿון אַ גרױסן פֿענסטער
שטײ איך אײנער, אײנזאַם אױף דער װעלט...
אַ מאָדנע װעלט:
צי איך אַלײן, צי אַלע זײַנען דאָ געשפּענסטער?
ס'שפּרײַזן מענטשן:
פֿיל געאָרמט, פֿיל באַזונדער
און זײ בײַנקן, און זײ בעטן
ליבע, גליק און װאונדער.
אײנער בײַם צװײטן, אײנער בײַם צװײטן...
און װיפֿיל אויגן רופֿן
און װיפֿיל ליפּן שליכן זיך פֿון טרויער
און װיפֿיל הערצער ראַנגלען זיך אין קײמן?

אין אַ װינקל בײַ אַ פֿענסטער,
טיף אין שאָטן,
שטײ איך אײנער, אײנזאַם און באַדױער:
זיך, צי יענעם, זיך, צי יענעם?

# קוקט צו די שטערן.

IV.

קוקט צו די שטערן, פֿאַרעלנטע מענטשן!
עלנטער וועט איר נישט ווערן,
אפֿשר וועט ווערן די אייביגקייט בענטשן...
קוקט צו די גאָלדענע שטערן.

אַלץ פֿון דער ערד איז פֿאַר אייך צו דערגרייכן,
שטאַרקער וועט איר שוין נישט ווערן.
אפֿשר האָט גאָט נאָך פֿאַר ווּעמען אַ צייכן—
קוקט צו די גאָלדענע שטערן!

## V.

איך האָב בײַטאָג מײַן רוף געטראָגן
אין לעבנסטאָל ;
און שפעט בײַנאַכט האָט מיר געענטפערט
אַ װידערקול.

אַ קול פול טרייסט און אונטערגעבונג :
„דו האָסט פאַרשפּילט !“
די נאַכט אַליין האָט מיר געענטפערט
און מיטגעפילט.

און װאָס איך האָב בײַטאָג גערופן
און שטאָלץ געקרױנט...
האָב איך בײַנאַכט עס אַלץ באַגראָבן
און שװים באַװײנט.

פאַרנאַכט.

### VI.

ווי די זון וועט נאָר פֿאַרגיין,
וועל איך קומען.
איצטער לאָזט מיר זײַן אַליין—
ל׳בין פֿאַרנומען.

ס׳שוועבט צום הימל מײַן געבעט,
צו די פֿלאַמען.
גיכער־גיך, ס׳וועט ווערן שפּעט—
ל׳וועל פֿאַרזאַמען.

ס׳שטאַרבט דער טאָג אין פֿאַרבן פֿול,
פֿול מיט וואונדער.
דאַוונען ליב איך אינדערשטיל
און באַזונדער.

## VII.

עס ווערט נאַכט, עס באַווייזן זיך שטערן,
די ווערבעס בײַם ברעג דרעמלען־אײַן...
און אַ יינגעלע שטייט מיט אַ ווענטקע
און קוקט אַלץ אין וואַסער אַרײַן.

די אייגעלאַך פינטלען כּסדר,
די ליפּן די קליינע פֿאַרמאַכט...
אפשר וואַרט ער אַ גאָלדענעס פֿישל
און מערקט נישט, ווי גיך עס ווערט נאַכט.

צום ברעג שווימט אַ ראָזאָווע פֿאַליע
און גנבעט צום יינגל זיך צו,
שווינקט־אָפּ זײַנע באָרוועסע פֿיסלאַך
און לאָזט אים גלײַך ווידער צורו.

קוים קלינגען פֿון ווײַטן די גלאָקן,
זיי וויגן אַליין זיך שוין אײַן...
און אַ יינגעלע שטייט מיט אַ ווענטקע
און קוקט אַלץ אין וואַסער אַרײַן.

## ווייסטו, ליבסטע

### VIII.

ווייסטו, ליבסטע, פון וועמען איך טראַכט?
אין די רוהיגע שעהן פאַרנאַכט,

ווען עס שיידט זיך די זון מיט דער וועלט,
ווען עס ברענגען די זאַנגען אין פעלד;

ווען פון הימל קוקט ווענוס אַראָפּ,
און עס שפּיגלען אין וואַסער זיך אָפּ

קליינע וואָלקנס פון בראָנז און פון גאָלד,
ווי זיי וואָלטן שוין שלאָפן געוואָלט—

ווייסטו, וועמען איך רוף און דערמאָן?
וועמעס נאָמען עס קלינגט אין גלין־גלאָן?

אין דעם לעצטן אַקאָרד, וואָס איך הער?
אויב דו ווייסט נישט, דאַן ליבסטו נישט מער.

## ביים טייך.

### IX.

װער זינגט עס דאָרט אויף יענעם ברעג,
װער זינגט אַזוי געהיים?
דאָס טרײַבן יונגע פויערטעס
די טשערעדע אַהיים.
די טשערעדע צום װאַסער גייט
און טרינקט זיך לאַנגזאַם אָן,
פֿון װײַטן־װײַטן קלויסטער־גלאָק
דערהערט זיך אַ גלין־גלאָן.
אַ שיפֿעלע באַװײַזט זיך נאָנט,
צװיי פֿישערס זיצן דאָרט...
זיי קוקן שטאַר אין טייך אַרײַן
און ריידן נישט קיין װאָרט.
דער ערשטער װאַרפֿט דעם נעץ אַרויס,
דער צװייטער רודערט שטיל.

די פלאַמיג־זון באַהאַלט זיך שוין —
נישטאָ קיין פאַרבנשפּיל.
דער טײַך איז נאָר וואָס רויט געווען,
איצט איז ער טונקלבלאָ.
נישטאָ שוין מער קיין פויערטעס,
קיין טשערעדע נישטאָ.
דאָך שוועבט... עס שוועבט נאָך אומעטיג
אַ קלאַנג פון יענעם ברעג,
ווי עמיץ וואָלט באַדויערן
דעם טאָג, וואָס איז אַוועק.

## זון-פאַרגאַנג.

X.

דאָרטן ווײַט אויפן פעלד ביי דער ברעג האָריזאָנט,
וואו דער הימל דערגרייכט צו דער ערד אזוי נאָנט,

לעשט זיך לאַנגזאַם די זון, שטאַרבט אין פלאַמען און ברענט
און עמיצער הויבט צו די פלאַמען די הענט.

צי עס שרעקט אים די נאַכט, וואָס קומט־אָן, ליבער גאָט!
צי דער טאָג, וואָס פאַרגייט, איז אים איצטער א שאָד?

נור עס העלפט קיין געבעט, עס ווערט נאַכט אומעטום
און עמיצער וואַנדערט אין חושך ארום...

## אַ פאַרלאַנג

### XI.

דער הימל שפּילט זיך איצט אין פאַרבן,
די זון ברענט טרויעריג און שיין.
אין יענער שעה, וואָס איך וועל שטאַרבן,
זאָל אויך די זון אַזוי פאַרגיין.

עס קלינגען שטיל די אָונטגלאָקן
און רופן אונז צו רו און פריד.
אָ, האַרץ, מיין האַרץ, נישט זיי צעשראָקן:
איך זינג נאָך נישט דאָס לעצטע ליד.

## א גאַנצע נאַכט.

### XII.

א גאַנצע נאַכט האָט הײַנט דער ווינט
געיאָמערט און געקלאָגט,
און דורך דער וואַנט האָט ווער געזיפצט
און תהלים שטיל געזאָגט.

איך האָב געלייענט אַלטע בריף
געלייענט און פאַרברענט,
איך האָב מיט שרעק געזוכט א שטראַל
אויף מײַנע פּוסטע ווענט.

אומזיסט... א שטיקל שפּיגלגלאָז
האָט בייז פֿון מיר געלאַכט.
און שטום איז מײַן געדאַנק געווען
פֿון אײנזאַמקייט און נאַכט.

# אין שווייגן...

XIII.

אַן אָפּגלאַנץ אַ נאָנטער באַשטראַלט הויך די צווייַגן.
ס׳גייט-אויף די לבנה אַ בלאַסע, אַ קאַלטע,
מיר וועלן דאָ זיצן בײַם גאָרטן און שווײַגן,
אַזוי, ווי צווײ אײנזאַמע אַלטע.

און יעדער פֿון אונז וועט אין אײגענעם האַרצן
אַן אָפּגרונט פֿון צרות געפֿינען,
און לאַנגזאַם וועט פֿאַלן אין נאַכט־שוים אין שוואַרצן
אַ זיפֿץ פֿון געפּייניגטן זינען.

דאָס אויג וועט דאָ שווײַגן אָהן בליק און אָהן שמייכל
און וועלן די טרער איבערשטײַגן.
אומזיסט וועט ער זוכן, דער ניכטערער שכל
אַ טרייסט אין דעם זינגלאָזן שווייגן.

איך וועל אין דײַן פּנים מײַן טרויער דערקענען,
אַ קעלט וועט אונז דורכנעמען בײדען.
וואָס אַרט עס דער נאַכט און די שטערן, וואָס ברענען,
די שטערן, דאָס ליכט פֿון גן־עדן.

זײ וועלן אונז לײַכטן און פּלוצלינג דערמאָנען
אַ גליקליכן חלום פֿון אויבן:
דאָרט בויט מען אין הימל צוויי גאָלדענע קראָנען,
פֿאַר מיר און פֿאַר דיר... יאָ, צוויי גאָלדענע קראָנען...

מיר וועלן די שטערן נישט גלויבן.

## אַ בלימל זיפֿצט.

### XIV.

אַ בלימל זיפֿצט, עס לויפֿט מיט רויש דאָס טײַכל.
עס צושאָקלט זיך אַ ביימל איבער מיר...
דער רופֿט די נאַכט, דאָס איז איר שטומער לשון
און יעדן קלאַנג פֿאַרנעם איך טיף און שפּיר.

עס שרעקט מיך נישט די פֿלעדערמויז די שוואַרצע,
ווי ליכט די פֿליס, ווי וויך זי גלעט די לופֿט:
דאָס רופֿט די נאַכט, דאָס שיקט זי איר שליח,
און איך וועל גיין אַהין, וואוהין זי רופֿט.

די וועלט איז פֿאַר מיר איצט, ווי אַ ים אַ ברייטער,
און איך אַליין, איך אָהן אַ שום באַגלייטער
פֿאַרבלאָנדזשע מיט מײַן שיפֿל ערגעץ ווייט...

מײַן מיר איז גוט... די שטומע שטערן ווינקען,
איך האָב מײַן צער אין הימלס־רוים דערטרונקען,
איך האָב פֿון טאָג אינגאַנצן זיך באַפֿרייט.

# דאָס קעצל

XV.

ל׳האָב אַ קעצל אין מײַן צימער,
פֿרירן מיר דאָ זאַלבענאַנד;
איך בײַם טישל מיט די ביכער,
זי—וואַרט־אָפּ אַ מויז בײַם וואַנט.

אָט אַזוי פֿאַרגייען שעהן,
ביז דאָס לעבטל לעשט זיך אויס;
שפּעטער הער איך, ווי דאָס קעצל
שפּרינגט און שפּילט זיך מיט דער מויז.

ווען זי קומט אויף מײַן געלעגער
זוכן וואַרימקייט און רו,

דאַן באַהאַלט זי אירע נעגל,
טוליעט זיך גנביש צו.

קלאַפּט מיר אָן דער װינט אין פֿענסטער,
מיין איך, אַז דער טויט... װער װײס!
נעמט אַ הונט אין דרויסן בילן,
בלאָזט זיך אָן דאָס קעצל בײז.

## אפשר בין איך דער לעצטער

XVI.

אפשר בין איך יער לעצטער, װאָס ליבט דיך פֿאַרבאָרגן.
איך ליב 3ון מײַן קינדהײט דײַן סונקעלע פראַכט.
פֿון דעם בלױען פֿאַרנאַכט ביו דעם בלײַכן פֿרימאָרגן—
געהער איך צו דיר, מײַן שטום־שװעבנדע נאַכט.

מענטשן לױפֿן פֿאַרבײַ... זאָל דײַן פּראַכט זײ נישט שטערן;
פֿאַרמאַטערטע קנעכט לױפֿן גיכער אַהײם.
און קײנער באַמערקט נישט די פֿאַלענדע שטערן,
דעם גאָלד, װאָס די נאַכט װאַרפֿט־אַרונטער אין תהום.

און איך... אָך, ווי קורץ מײַנע אָרעמס דערלאַנגען,
ווי אײנג איז מײַן האַרץ צו פֿאַרנעמען דײַן פֿרײד.
דאָך וויל מײַן נשמה אײַנגאַנצן דיך פֿאַנגען,

אײַנגאַנצן דײַן רוהיגע גרויסקײט דערגרײכן,
נאָך אײדער דײַן טונקעלע שײנקײט פֿאַרגײט,
נאָך אײדער עס לעשט זיך דײַן געטליכער צײכן.

## דערצייל מיר, נאַכט.

### XVII.

דערציל מיר, נאַכט, דערציל מיר דיינע סודות.
עס שלאָפט די וועלט, נאָר איך בין וואַך אַליין,
פאַרטרוי מיר אַלץ... איך זינג פון דיינע וואונדער,
איך קני פאַר דיר, ווען דו ביזט שטיל און שיין.

עס וויגן זיך מיליאָנען קליינע שטערן
אין ליכטע ווייסע וואָלקנדלאַך פאַרקליידט;
עס ציטערן געהיימע שטומע קלאַנגען—
דאָס נידערן מלאכים שטילערהייט.

אָ, נאַכט, איך וואַרט אַ וואונדערליכן חלום;
באַפליגלסט מיך און מאַכסט מיט אַלץ מיר שלום.
דו ברייגגסט מיין זעלע אין פאַרלאַנג—

מיט דיר אַליין, מיט דיר אינאיינעם שוועבן...
עס האָט דער טאָג קיין פריינט מיר נישט געגעבן
און איצטער קום עס מיר נישט באַנג.

## בײַנאַכט.

### XVIII.

### א.

אַוועק אַ טאָג... און גאָט צו דאַנקען:
אַ רינגל ווייניגער אין קייט!
די לעצטע פֿייער־בליקן צאַנקען,
מײַן לעצטע בענקעניש פֿאַרגייט.
אַ ביסל היי... און מײַן געלעגער
איז פֿאַרטיג אויפֿן פֿרעמדן פֿעלד,
און שלאָף, שטום־אײַן, מײַן טרוימען־יעגער—
עס שלאָפֿט מיט דיר די גאַנצע וועלט.
נאָר מײַנע אויגן בלײַבן אָפֿן
און די געדאַנקען בלײַבן וואַך.
ווי שטיל, ווי שטיל די גראָזן שלאָפֿן...
ווער פֿילט, ווער האָרכט מײַן טרויער־שפּראַך?
אַך, ווער עס קאָן צו גאָט נישט שטײַגן,
דער רופֿט צו זיך אויף דר'ערד זײַן גאָט.

אך, חער עס קאָן פון צער נישט שווייגן,
דער ברײנגט צום פעלד און נאַכט זײַן סוד.
מיך זאַלבט די רוהיגקײט... אַ שטערן
צעשיט זיך איבער מיר אין גאָלד:
דאָס צאָלט די נאַכט פאַר שטומע טרערן,
פאַר זאָרג פון טאָג — די רו באַצאָלט.
אַ חינטל איז פון נאַכט געקומען
און בלומען־דופט געבראַכט, דערפרײט...
איך האָב בײַטאָג געזעהן די בלומען
און שטום געליטן נעבן פלײט.

ב.

װער װײס פֿון מײַנע טעג און יאָרן
פֿון גיהנומס גליענדע, װער װײס ?
פֿון אָדלער־שטאָלץ, װאָס גײט פֿאַרלאָרן ?
אָ, נאַכט ! פֿאַרװיג מיך אין דײַן שױס.
װילאַנג דער מענטש װעט דאָ נישט שפּרײַזן,
בין איך פֿון לעבנס־תּפֿיסה פֿרײַ,
װילאַנג די זון װעט זיך נישט װײַזן,
װעסטו מיר בלײַבן ליב און טרײַ.
און װען די זון װעט דיך פֿאַרטרײַבן,
װעל איך אַװעק פֿון דיר אָהן לאַסט ;
איך װעל אין האַרצן טיף פֿאַרשרײַבן,
װי גוט דאָ איז דעם װאַנדער־גאַסט.
דו גלעטסט מײַן קאָפּ, דו קושט די ברעמען,
דו יאָגסט מײַן פּײַנליכן געדאַנק ;

עס שוועבן בילדער, אויגן, נעמען,
עס שוועבט דער טאָג און טוט ניסט באַנג.
געדיינקסטו, נאַכט, דעם סוד און וואונדער!
געדיינקסטו, קעניגליכע נאַכט?
נישט אַלעמאָל האָב איך באַזונדער
אין דיין געצעלט אַזוי פאַרבראַכט.
נישט אַלעמאָל אַליין געקליבן
דעם נחת, וואָס דו שיינקסט דער ערד!
מיר איז באַשערט געווען צו ליבן
און ליידן איז מיר אויך באַשערט.

### ג.

אויס בלאָנדע צעפּ, אויס שוואַרצע לאָקן!
היינט האָט מיך קיינער נישט באַגלייט.
איך האָב היינט אַלעמען געשראָקן,
אַז ערגעץ וואַרט אויף אונז דער טויס.
ווי שוואַרצער סאַמעט פֿאַלט דער שאָטן
און דעקט מיך איין אין קילן טאָל...
אַ שטערן גאָלד האָט זיך צעשאָטן,
און איך באַגריס צום צווייטן מאָל.
דו האָרכֿסט, מיך, נאַכֿט! איך וועל דיר שווערן
זײַן טרײַ אויף לאַנג, אויף אייביק טרײַ.
צינד־אָן נאָך ליכֿטיגער די שטערן
און ווייז דײַן הערשאַפֿט מיר אויפֿסנײַ.

זאָג־אָן די בוימער און די בלומען,
זאָג־אָן דעם װאַלד, דעם קװאַל, דעם טײַך,
אַז איך בין װידער דאָ געקומען
און טרוים מיט אַלעמען צוגלײַך.
מיט אַלע בלעטער פֿון די צװײַגן,
מיט אַלע גרעזעלעך פֿון פֿעלד.
איך װעל זיך בײַ דיר לערנען שװײַגן
און בענטשן גאָט אין דײַן געצעלט.

# אינטימעס

## I.

איך װאָלט זיך גאַנץ גערן אַ טויב פֿאַר אַ פֿרײַנט אויסגעקליבן,
אַ שטיפֿעריש קעצל, עס װילט זיך דאָך עמיצן ליבן,
אַ שעפּסעלע קויפֿן מיט װאָלענע קרויזן קלאָר־װײַסע—
עס דערמאָנט אַזוי אָפֿט מיר מײַן קינדהייט—דער מאַמעס אַ מעשה.

זיך שאַפֿן אַ קלײנעם פֿאָנטאַן מיט אַ גאָלדענעם פֿישל,
אַ פּאַפּוגײַ האַלטן אַ גרינעם בײַ זיך אויפֿן טישל,
און הערן אײנאײנציגע פֿראַזע: „ביזט נאַריש, חי אַלע!"
און נאָכאַמאָל הערן פֿון גרינעם: „ביזט נאַריש, חי אַלע!"

און אפשר אַ פֿײגעלע כאַפּן, אַ פּיצעלע לעבן,
אַ װאונדער־קאַליברי באַהאַלטן אין בוזם און װעבן
חלומות אָהן װערטער,
חלומות אָהן װערטער...

## מיטן ווינט.

II.

מיטן װינט װעלן דורכגיין די יאָרן,
פֿון מיר און פֿון דיר װעט קיין זכר נישט בלײַבן,
פֿון מיר און פֿון דיר, פֿון מײַן שרײַבן,
פֿון לידער, װאָס װערן אין ליבע געבאָרן.

דאָס בלימעל, װאָס איך האָב דיר איצטער געגעבן,
דער תּהום פֿון מײַן אומרו, װאָס לאָזט זיך נישט שטילן,
דײַן רייץ און דײַן זאָרגלאָז, דײַן גוטסקײַט און שפּילן —
מיטן װינט װעט עס אַלץ אַװעקשװעבן.

װי דער טאָג האָט געראַשט און געהוליעט...
גיב אַ קוק, װאָס פֿון טאָג איז געבליבן!
די נאַכט האָט אַ שטראָם דורכגעטריבן
און אונז צו דער װאַנט צוגעטוליעט.

## מײַן קלײנע.

III.

מײַן קלײנע, זײַ פֿרײלאך
און גלויב מיר, געטרוי:
איך בין אַ בן־מלך
און דו ביזט מײַן פֿרוי.

מיר זײנען צװײ קלאַנגען
געריימט אין אײן ליד.
צװײ דרײסטע פֿאַרלאַנגען
צוזאמענגעשמידט.

מיר זײנען צװײ עפֿאַס,
צװײ שטראַלן—אײן שײַן,
צװײ רינגען, צװײ בעכערס
מיט רױשיגן װײַן...

מיר טאַנצן, מיר שפּילן,
מיר װײנען פֿאַר פֿרײד,
מיר זײנען אײן װילן,
אײן לעבן, אײן טױט...

## דײַן ליבע

IV.

דײַן ליבע ברײנגט שטילקײט און שטורם,
דײַן ליבע ברײנגט שאָטן און שײַן,
פֿיל פֿרײד און פֿיל בײזע יסורים...
דײַן ליבע פֿאַרשווּרט, ווי חײַן.

דײַן ליבע ברײנגט טרויער און בלומען,
דײַן ליבע וועקט שמערץ און געזאַנג.
וואו האָסטו עס, קלײנע, גענומען?
בײַם סטוול, בײַ גאָט, צי בײַם פֿלאַנג!

## אַז דו קאָנסט נישט דערגרייכן.

### V.

אַז דו קאָנסט מיט איין בליק נישט דערגרייכן,
וואָס עס טוט זיך מיט מיר,
אַז דו זעהסט נישט פון ליידן דעם צייכן...
זאָל איך ריידן צו דיר?
זאָל איך ריידן צו דיר פון דער סיבה,
וואָס טרויערט מיין בליק?
אַז דו לאָזט מיך אַוועקגיין אָהן ליבע...
זאָל איך בעטן מיין גליק?

## ספקות.

### VI.

עס דריקן טויזנט ספקות:
מאַך פרײַ אַ ווייל די קײט!
חיל רעטן קאָן פון טרויער
דײַן ליבע, צי דער טויט.

איך לאָז־אַראָפּ די אויגן,
איך וואַרט מײַן פסק... באַטראַכט!
און ווייס, פאַרשטײ מײַן גורל:
מײַן האַרץ איז פול מיט נאַכט.

אָחן האָפנונג און אָהן גלויבן,
איך רוף דיך און באַשווער...
דו ווייסט... איך קאָן נישט גלויבן—
נישט דיר און נישט דײַן טרער...

## ווי דאָס ליד פון אַ העלד.

### VII.

ווי דאָס ליד פון אַ העלד,
ווי דאָס עלנט פון פעלד,
ווי דער הייליגסטער קלאַנג,
ווי דער ריינסטער געדאַנק,
ווי דער טראָפּן פון קוואַל,
ווי באַגינען אַ שטראַל...
אָך, פאַראַן איז אין מיר
אַזאַ בענקשאַפט צו דיר.

נישט דער ליידנשאַפטס־פלאַם,
נישט דער אייפערזוכטס־סם,
נישט די גאווה פון זיג,
נישט די זאַטקייט פון גליק,—
אַ פאַרבאָרגענער ווײ,
אַ פאַרשטיקטער געשריי...
אָך, פאַראַן איז אין מיר
אַזאַ בענקשאַפט צו דיר.

נאָר דאָס וואָרט איז נישטאָ
און עס קומט נישט די שעה,
זאָלסט דערגיין און פאַרשטיין,
זאָלסט נישט לאָזן אַליין.
צי דו לאַכסט, צי דו חייסט,
ווי עס פעלט מיך דיין טרייסט...
אָך, פאַראַן איז אין מיר
אַזאַ בענקשאַפט צו דיר.

מיינע רוהיגע טריט,
נעם, איינאיינציגע, מיט
מיין באַזיגטן פאַרלאַנג—
אין אַ דאַנק און אַ דאַנק.
נעם אַ ברכה דערפאַר,
חמל דו שיינקסט אַזאַ צער...
אָך, פאַראַן איז אין מיר
אַזאַ בענקשאַפט צו דיר.

VIII.

**מיר** איז אומעטיג ביז טרערן,
איך געפין זיך נישט קיין אָרט.
וואָס וועט ווערן, וואָס וועט ווערן
מיט מײַן נישט־דערזאָגטן וואָרט!

מיט אַזויפיל יונגע צילן,
וואָס די יאָרן שלינגען־אײַן,
מיט אַזויפיל גוטן ווילן
וואָס וועט ווערן, וואָס וועט זײַן!

איך האָב דיר געוואָלט דערציילן,
דיר איז אויך דאָך נישט באַוואוסט,
אַז עס ליגן הייסע קיילן,
הייסע קיילן אויף מײַן ברוסט.

נישט זיי ברענען זיך פֿאַנאַנדער,
נישט זיי לעשן זיך ווען אויס.
אויף די וועגן וואָס איך וואַנדער
קומסטו מער שוין נישט ארויס...

## IX.

אויף לײַכטע פליגלען קומט מײַן טרויער
און פֿאַלט אויף מיר, ווי שווערער בלײַ...
די יוגנט־טעג, וואָס איך באַדויער,
די שענסטע צײַט איז שוין פֿאַרבײַ.

און מיט אַן אומעטיגן שמײכל
בין איך זיך מודה מײַן פֿאַרלוסט:
איך האָב געבויט פֿאַר גאָט אַ היכל,
צום סוף איז ער געבליבן פוסט.

איך האָב געוואָלט די טעג פֿון לעבן
פֿאַרהייליגן מיט מײַן געזאַנג,
נאָר נישט געבענטשט האָט גאָט מײַן שטרעבן
און נישט געזאַלבט איז מײַן געדאַנק.

דאָך קום איך אָפּט און וועל נאָך קומען
אין פוסטן טעמפּל תּפֿילה־טאָן...
איך ברײנג אַהין צו בלײכע בלומען
און זינג מײַן קלײנע ליבעל ײן.

## אויבּ ערגיץ בּיינקס.

### X.

אויבּ ערגעץ־יואו בּײַנקט אַ נשמה, ווי מײַנע—
דאַן רוף איך צו איר.
מײַן ציל איז אַ בּאַרג, אַ געפּערליכער טורם—
זאָל זי קומען צו מיר.

עס פאַלן די גאָלדענע שטערן, זיי פּאַלן
בּײַנאַכט אַזויפיל.
אויבּ עמיצער זוכט אין די טונקעלע מאָלן—
דאַן קרוינט אונז איין ציל.

אויבּ ערגעץ־וואו שטרעבּט אַ נשמה, ווי מײַנע,
דאַן רוף איך צו איר...
מײַן חלום איז ווײַס, ווי דער שניי־ווײַסער וואָלקן—
זאָל זי קומען צו מיר.

## XI.

רײַסן אַ בלימל, כאַפּן אַ שטראַל,
שפּרײַזן אין וועלדל, רוען בײַם קוואַל,
האָרכן בײַנאַכט, ווי עס בלעטערט אַ בוים,
ציילן די שטערן, וואָס פֿאַלן אין תּהום.

טרוימען פֿון דעם, וואָס עס איז שוין אַוועק,
וואַרפֿן די לאַסט פֿון די קומענדע טעג,
וואַרפֿן פֿון זאָרגן און בויען די לאַסט,
זײַן דאָ אין לעבן אַן אײַנפֿאַלער גאַסט.

גיב דײַנע ליפּן, צעלאָזענעס קינד!
מאָרגן וועט אַלעס אַוועק מיטן ווינט.
שיין איז די ערד און באַגאָסן מיט שײַן:
סוף־כּל־סוף וועט אונזער קבר דאָס זײַן.

# פאַר ווע מען.

## XII.

פאַר וועמען איז די גאַנצע וועלט? אויב נישט פאַר מיר!
די זון פאַר וועמען שײַנט, די נאַכט פאַר וועמען שווײַגט!
פאַר וועמען גרינט, פאַר וועמען בליט, אויב נישט פאַר מיר!
און דו... דו מעגסט מיך האָבן פײַנט—
דו שמייכלסט אויך פאַר מיר.

דער גרינער ווערעמל, וואָס הילט זיך אײַן אין גרינס פון בוים
דעם אָדלערס פלי, דער שפרונג פון ווילדן לײַב—
אַלץ רײַצט מײַן האַרץ:

דער בליק, דער ים, דער שטילער לויכטנדיגער וואַלד,
און יעדער בוים אויפסניי און יעדעס בלאַט אויפסניי.

דײַן כעס, דײַן בייזליבער קאַפּריז, ווי שלעכט דו ביזט!
דײַן אויג, דײַן יעדער בויג, ווי שיין דו ביזט!
נאָר אַלץ פאַר מיר: דער פײַן טאַר מיר, דאָס גליק פאַר מיר,—
ווי ווײַט מײַן בליק דערגרייכט,
ווי טיף מײַן האַרץ פאַרנעמט...

## צום קריטיקער.

### XIII.

איך וואַנדער אין אייביגן פרעגן,
איך ווייס נישט אַליין, וואָס איך זוך.
דו פאָרשט, ווי אַ הונט מײַנע וועגן,
מײַן תּפילה, מײַן ברכה, מײַן פלוך...
דו טראָגסט אין די ציינער מײַן בוך.

איך זוך מײַנע פאַרביגע טרוימען
אין רו און אין שטורמישן ווינט.
איך האָב מײַן באַפליגלטן טרויער,
מײַן צער, מײַן גאָט און מײַן זינד—
און דו האָסט... אַ טינטער מיט טינט.

# אונטערטעניקײט.

## I.

ס'וואָלט שוין וועלן זײַן אַן אַלטער מאַן,
אַ שטאָלצער גרויער זקן.
פֿון לעבן אויסגעפּרובט אין אַלץ,
פֿון טויט נישט אָנגעשראָקן.
מיט שטילע טריט דערגײן צום סוף,
מיט רוהיגקײט און שכל,
און יעדן טומל פֿון דער וועלט
באַגלייטן מיט אַ שמייכל.
מיט בליקן, וועלכע קוקן נישט
אין נעכטן און אין מאָרגן,
נאָר עפּיס ליגט אין זיי אַ סוד
פֿון אייביגקייט פֿאַרבאָרגן.

כ׳וואָלט שוין וועלן זײַן אַן אַלטער מאַן,
נישט לײַדן מער, נישט ברענען,
און אַלע ספקות פֿון דער וועלט
נישט וויסן מער, נישט קענען.
און זופנדיק דעם לעצטן כּוס
מיט זעליגער הכנעה,
אַראָפּלאָזן די ברעמען מיד
די זײַדענע, די גרויע.

# אַ לידל.

II.

דער, וועמען עס האָט זיך געחלומט אַמאָל
די הויכקייט, וואו אָדלערס נאָר שוועבן,
דער קאָן שוין נישט בלײַבן אין פינסטערן טאָל—
און בלײַבט ער, איז ווײ צו זײַן לעבן.

דער, וועלכער עס האָט נאָר באַגעגנט אַמאָל
אַ מײדל, ווי דו—אַ פרינצעסין...
דעם חלומט זיך שטענדיג דײַן בליק און דײַן קול,
דער וועט דיך אין גרוב נישט פאַרגעסן.

דו פלעכטסט פון די לאָקן אַ שטריק אויס פאַר מיר,
דו מאַכסט פון דײַן בליק פײַל און בויגן;
געבונדענערהייט וועל איך זינגען צו דיר
און שטאַרבן מיט פרײד אין די אויגן.

## קומען-אָן פאַרקלעמטע שעהן.

### III.

קומען־אָן פאַרקלעמטע שעהן,
זינג איך, ווי עס לעבט און לײַדט זיך,
דאַרף מען זײַן דערצו אַ גאון,
צו דערצײלן, ווי עס לײַדט זיך?

ל'האָב מײַן ברונעם—מײַן נשמה.
טיף, צי פלאַכער—איר האָט גאָרנישט!
זאָל איך שטאָלץ זײַן פון נקמה?
ניין, מען דאַרף נישט און מען טאָר נישט.

איך וועל זײען אויף די בײטן
מײַנע בלומען, מײַנע בשמים.
איר וועט קוקן דורך די פלײטן
און זיך קרימען ווי גולמים...

## פון אלע שטימען.

### IV.

פון אלע הויך־טרײַענדע שטימען
באזינגט מיך די שטימע פון הארץ...
איך קאן זיך, מײַן שוועסטער, נישט קרימען.

עס העלפט נישט די פארב אויבן פנים:
דער צער אין די אויגן פארבלײַבט—
פאר דיר און פאר פרײַנט און פאר שונאים.

איך קאן נישט גענארן, מײַן שוועסטער!
איך לייד און איך בענטש גאט אין הימל,
אפילו אויך דאן, ווען איך לעסטער.

איך גיי מיר פארבײַ די זשאנגלערן
אמאל מיט א שפאס, מיט א שמייכל,
אמאל מיט פארבארגענע טרערן...

## מיין האַרץ.

### V.

איך האָב פֿון ברוסט מײַן האַרץ אַרויסגעריסן...
מײַן אײגן האַרץ האָב איך געטראָטן און געביכן:
גיב זיך אונטער, האַרץ!
גיב זיך אונטער...

דער וועג איז וויסט, קײן פֿרײַנט נישטאָ קײן אײנער.
איך האָב מײַן האַרץ באַגראָבן אונטער שטײנער.
עס שרײַט פֿון גרוב מײַן האַרץ,
עס שרײַט פֿון גרוב...

# תפילות.

## VI.

### א.

אלע תאוות איינגעשלאָפן,
הארץ און הימל זיינען אָפן....
גאָט, באשעפער! ברייננ נחמה
פאר מײַן זינדיגער נשמה.

דו ביזט מוחל זינד פאר לײדן—
ווּעסטו מיך דאָך אויך נישט מײַדן...
ברייננ נחמה, ברייננ נחמה
פאר מײַן זינדיגער נשמה.

אויב דו ווּעסט מיך ווידער שטראָפן,
וועל איך אלץ צו דיר נאָך האָפן...
ברייננ נחמה, ברייננ נחמה
פאר מײַן זינדיגער נשמה.

ב.

אויף מײַן עלנטן מזבח
ליגט אַ שװערער שטיין.
גאָט אין הימל, גיב מיר כּוח,
לאָז מיך נישט אַליין.

לעבן קאָן איך נישט אָהן גלויבן,
גלויבן קאָן איך נישט אָהן גאָט.
װער װעט רעטן און דערהויבן
פֿון דעם לעבנס קאַלטן שפּאָט.

אַלע טויערן פֿון טעמפּל
זײַנען צוגעמאַכט
און איך זעה איצט, װי מײַן לעמפּל
צאַנקט און שטאַרבט אָהן מאַכט.

## דער זינגער.

### VII.

כ'האָב פֿאַרלאָרן מײַן לירע
אין פֿינסטערדער שטאָט:
מיין טרוים איז פֿאַרשוואונדן
מיין ליד איז צו שפּאָט.

פֿאַרשאָטן דאָס קוועלכל,
עס זילבערט נישט מער...
עס טריפֿט דערפֿאַר עפּטער
דעם איינזאַמענס טרער.

די ליבע, זי צינדט נישט
מער אָן מײַן פֿאַרלאַנג,
עס רייצט נישט דאָס פֿייער
פֿון זונאונטערגאַנג.

די שיינהייט פֿאַרבלענדט נישט
שוין מער מיט איר פּראַכט...
דער טײַוול, דער טײַוולי –
ווי שפּאָטיש ער לאַכט!

## עלדאָראַדאָ.

פון ערג. פאָ.

VIII.

איבער באַרג, איבער פעלד
פאָרט אַ ריטער אַ העלד.
פאָרט און זינגט זיך אַ שטאָלצע באַלאַדע.
עס איז דרייסט זיין געפיל,
איז באַגייסטערט איין ציל,
צו געפינען דאָס לאַנד עלדאָראַדאָ.

גאָר פון האַגדערן לאַנג
ווערט ער גרוי שוין און קראַנק
און ער איז זיך מיט טרויער מתודה:
אומעטום שוין געווען,
נישט געהערט, נישט געזעהן,
נישט געפונען דאָס לאַנד עלדאָראַדאָ.

און אזוי ניט געבענטשט,
טרעפט אים אן א געשפענסט
און פרעגט אים: „דו זוכסט וואס אודאי?“
בעט דער ריטער מיט שרעק:
„א, באווייז מיר דעם וועג,
וויז מיר אן, וואו דאס לאנד עלדאראדא?“

און עס ענטפערט דער קול:
„וואו די זון פאלט אין טאל,
„וואו די נאכט האט דעם טאג ניט געלאזן...
„גיי פארויס און פארויס,
„מייד דעם גיהנם ניט אויס,
„אויב דו בענקסט נאך דאס לאנד עלדאראדא.

# אינמיטן וועג

## IX.

אינמיטן וועג צום גיהנם
באַגעגנט מיך מײַן גליק...
אַ גלעט, אַ קוש פֿון שיקזאַל
און באַלד אַ שטוים צוריק.

די ביזט מײַן גוטע רגע,
די גיסט צו ווײַן צום סם...
נאָר זעה ! אַ פֿלאַם אין מערב,
אין מזרח־זײַט אַ פֿלאַם.

איך גײ שוין ווידער לײדן
באַגלײט פֿון דײַנס אַ בליק—
אינמיטן וועג צום גיהנם
באַגעגנט מיך מײַן גליק.

## צו איינעם.

בערסאָלדין.

### X.

„געהערט איר אויך צום װאַנדערער־לעגיאָן?“

מײַן אומבאַקאַנטער פֿרײַנט, טאָ גיט אַהער די האַנט.
מיר זײַנען לאַנג, שוין לאַנג באַקאַנט,
און אויב איר װילט... פֿון קינדערװײַז־אָן.

מיר זײַנען דאָך שוין טרײַע פֿרײַנט געװעזן,
װען אײַך האָט װער צום ערשטן מאָל געגאַרט,
פֿון ערשטן בוך, װאָס איר האָט דורכגעלעזן,
פֿון ראָבינזאָנען ביזן בײַראָן־צאַר.

דערנאָך האָט איר געליבט,
געבענשט די פֿרוי, די נאַכט, די שטערן,
דערנאָך אין שײַנק אַלײן פֿאַרבראַכט
און װײַן געמישט מיט טרערן...

און דאָרט, וואו אַלע האָבן אַלץ שוין לאַנג געפונען,
האָט איר נאָך אַלץ געוואַנדערט און געזוכט,
און דאָרט, וואו אַלע פלעגן רוהיג זײַן און בענטשן,
האָט איר נאָך אַלץ געשטורמט און געפלוכט.

ביז קילער איז געוואָרן אײַער פײַער
און קלענער די פאַרלאַנגען.
איצט זײַט איר שוין, ווי איך דערגאַנגען,
ווי אַלע פון דעם וואַנדערער־לעגיאָן —
איצט ווייסט איר, וואָס אונז בלײַבט:
דער קאַלטער פעלז פון באַרג, דער רויש פון ים,
די רוהיגקייט פון הימל און צום סוף דער פלאַם,
דער שײנער פלאַם פון זון־פאַרגאַנגען...

## אַ ל י י ן.

### XI.

גוטער וויין און שיינע פרויען!
איך אַנטזאָג זיך נישט פון גליק.
אָבער דאָך... מיין גרעסטער גליק
קומט צו מיר אין יענע שעהן,
ווען עס ווילט זיך זיין אַליין,
ווען עס רופט צו זיין אַליין.

שטאָלץ און כבוד, רום אין לעבן! —
איך אַנטזאָג זיך נישט פון רום.
אָבער דאָך... ווי נישטיג־דום
זעהט מיר אויס דאָס גאַנצע שטרעבן,

ווען עס ווילט זיך זײַן אַליין,
ווען עס רופֿט צו זײַן אַליין.

זולֿן אמת, ליבן מענטשן! —
איך אַנטזאָג זיך נישט פֿון שטרייט...
אָבער דאָך... פֿון מענטשן ווײַט,
איז מיר לײַכטער גאָט צו בענטשן,
ווען עס ווילט זיך זיין אַליין,
ווען עס רופֿט צו זײַן אַליין...

## געזעגנונג.

XII.

בײַם ים װעל איך דיך דאָ באַשװערן,
בײַם לעצטן פּורפּור־פּלאַם,
ביים ערסטן בליק פֿון אָװנטשטערן,
װאָס פֿאַלט, װי אונזער בליק, אין ים.
איך װעל דיר אויך מײַן שבועה געבן
און בלײַבן טרײַ מײַן װאָרט:
אין יאָרן־לויף, אין רויש פֿון לעבן,
אין יעדער צײַט, אין יעדן אָרט.
אין טעג פֿון זון, אין טעג אָהן הימל,
אין צער און אין הומאָר,
אין מאי, אין הערבסט ביים לעצטן בלימל, —
פֿאַרגעס נישט אונזער שײנעם יאָר.

איַין רגע טאָר נישט זײַן באַלײדיגט
פֿון אונזער טאָג און נאַכט.
אַ גאָרטן האָב איך אויסגעלײדיגט
און אַלע בלומען דיר געבראַכט.
הער ווער וועט דיר שפּעטער ברײַנגען בלומען
און מונטערן דײַן בליק?
איך חיל, אַז קײנער זאָל נישט קומען
אויף דעם בית־עולם פֿון מײַן גליק.
עס שפּילט דער ים אָהן רויש, אָהן צאָרן,
די נאַכט איז שטיל און קלאָר,
אין אַלע טעג, אין אַלע יאָרן—
פֿאַרגעס נישט אונזער שײנעם יאָר...

## ווייל איך האָב נישט דערגרייכט.

XIII.

װײַל איך האָב גאָרנישט דערגרייכט
און אַזױפיל פֿאַרלאָרן,
װײַל איך װײס נישט צו װאָס
איך פֿאַרברען מײַנע יאָרן—
גײ איך, שיקזאַל, צו דיר,
װי אַ פשוטער קנעכט
און איך קוק אויף דיר, ספֿינקס,
מיט פאַרטרויערטע בליקן
און איך גײ נאָך דײַן װאונק,
װאו דו זאָלסט מיך נישט שיקן,
ביזט גערעכט, װי דער טויט,
ביזט גערעכט, ביזט גערעכט.

## אייביג ווייטער.

XIV

„גיי ווײַטער, אייביג ווײַטער!"
באַגעגנט און געשיידט.
פֿארטריבן אויף אַ רגע
דעם לעבנס זאָרג און נויט.

אַזוי ווי אַ ציגײַנער,
פֿאַרלאָז איך איצט דעם אָרט.
נו, ווינש מיר: „גיי בשלום!"
און זאָג מיר אַ גוט וואָרט!

נאַר, זעה! ביזט בייז און ברוגז,
וואו איז דײַן שטאָלצער בליק?
געליבט אַ גאַנצן זומער—
וואָס ווילסטו מער פֿון גליק?

געטרונקען פֿון איין בעכער,
פֿאַרשכורט זיך מיט לוסט...
אַדיע, מײַן שיינער חלום—
דער בעכער איז שוין פּוסט.

## XV.

שהער צו אויסזאָגן דעם טרויער,
װאָס באַפליגלט יענע טעהן,
יענע איינזאַמע חלומות.
װעלכע מוזן איינזאַם בלייבן,
יענע לידער, װעלכע שטאַרבן,
װען דו נעמסט אין האַנט די פּעדער...

אויף דעם ראַנד פון שמאָלן פענסטער
פאַלט פאַרנאַכט מיין קאָפּ אַנידער:
דעכער, קוימענס... זיי פאַרדעקן
מיר כמעט מיין חלק הימל.
צוגעשמידט האָט זיך מיין בליק דאָרט
צו אַ גראָען קאַלטן פינטל.

און אזוי פֿאַרגייען שעהן
אָהן פֿאַרלאַנגען.

קיינער האָט מיך נישט פֿאַרלאָזן,
קיינער האָט מיך נישט פֿאַרגעסן,
ווײַל אין לעבן און אין ליַדן
האָט מיך קיינער נישט באַגלייט.
אויף די פֿליגלען פֿון זכרונות
קומען בילדער און געשטאַלטן...
וועמען האָב איך נישט באַגעגנט
מיט אַ ברכה אויף די ליפּן!
ווע‏מען האָב איך נישט געליבט?
אָ, נאַאיווע גוטע יוגנט,
ביזט אַוועק און צוגענומען
מײַנע הייליגסטע כּוונות.

אויף דעם ראַנד פֿון שמאָלן פֿענסטער
איז אַ טרער אַראָפּגעפֿאַלן...
גרינגער, גרינגער איז געוואָרן;
ס'דוכט, די אויגן זעהען בעסער

און דער אויער האָרכט דאָס לעבן.
שטאָט! וואָס רוישטו אָהן אָן אויפהער?
שטאָט! יואו טראָגסטו דײַנע שטראָמען?
טויזנט פײַערן באַלייכטן
דײַנע גאַסן אָנהויב אָוונט
און דאָך בלײַבן טונקלע ווינקלען—
קיינער וועט זיי נישט באַלייכטן.

אויבן שווימען שטיקלאַך וואָלקן
דורכגעשטאָכענע מיט שטערן,
אונטן זיץ איך דאָ בײַם פענסטער,
ווי אויף גאָר אַ גרויסער ים־שיף.
פּאַליעס מענטשן, פּאַליעס מענטשן,
ווי זיי ווימלען דאָ כּסדר.
ביז דײַן פענסטער בין איך זיכער
וועלן זיי זיך נישט דערהויבן.

די מוזיק פון זייער שפּרייזן
וועל איך לאַנגע שעהן הערן,

די געלעכטערס, פּלאַפּלערייען —
פֿון דעם יום־טובדיגן אָוונט.

נאָר מײַן טורמל בײַם פֿענסטער
ווילט זיך מיר נישט צו פֿאַרלאָזן:
אונטן בין איך שוין געוועזן,
שוין געוועזן...

אײנמאָל זומער, אײנמאָל ווינטער...
אַך, עס ווילט זיך נישט דערמאָנען.
איך האָב בלומען זיי געטראָגן
און צוריק באַקומען שטײנער.

איצטער וואַרט איך, אַז די שטײנער
זאָלן ווידער ווערן בלומען.
קײנעם בענטשן, קײנעם שעלטן...
אין דער טיף פֿון מײַן נשמה
וועבט אַ ליד זיך אַזוי אײנזאַם,
אַזוי אומעטיק און רוהיג,
ווי די נאַכט דאָרט אויבן, אויבן.

דורך די קיטן פֿון די גאַסן
האָט אַ חינטל זיך פֿאַרגנבעט
און אַ ריח פֿון אַ גאָרטן
צו מײַן פֿענסטער צוגעטראָגן.
אויפֿגעבלעטערט האָט דאָס חינטל
אַן ערינערונג אין האַרצן...
אויפֿגעבלעטערט און פֿאַרבלעטערט
און אַנטלאָפֿן...

## איך האָב געזעהן.

XVI.

איך האָב געזעהן דעם גרעסטן יום־טוב
און דעם גרעסטן טרויער,
די לעצטע פאָן, וואָס האָט געפלאַטערט
אויף אַ טויטן מויער.

דעם שטראָם פון ים און גאַנג פון לעבן
און שטראָמען בלוט אויף ימען,
איך האָב געזעהן פיל געטער פאַלן
און גרויסע שטעט אין פלאַמען.

איך האָב געזעהן דעם פלאַנץ פון שלעכטס
פאַר קומענדיגע צייטן

און נישט געהאַט האָב איך קיין האַרץ
צו גלויבן אין די שטרייטן.

װאָס מער געטומעלט האָט די װעלט,
אַלץ קנאַפּער האָט מיך דורכגענומען;
איך האָב געטראַכט און טראַכט ביז הײַנט:
**משיח װעט נישט קומען.**

## זאָל עס גיין, ווי עס גייט.

XVII.

זאָל עס גיין, ווי עס גייט,
זאָל געשעהן, וואָס עס וויל...
וועסט פון טויט נישט אַוועק—
ס'איז נישט מער, ווי אַ שפּיל.

זאָל זיך יעדער זײַן גליק
שכן דאָרט, וואו ער וויל.
ביזן קבר זוך גליק—
ס'איז נישט מער, ווי אַ שפּיל.

עמיץ לויערט אויף אונז,
צי פֿאַר מיר, צי פֿאַר דיר—
עמיץ גראָבט אינדערשטיל...
ס'איז נישט מער, ווי אַ שפּיל.

## איז יאָ געווען אַמאָל.

XVIII.

איז יאָ געווען בײַ מיר אַמאָל אַ גוטע רגע,
דאַן זוך איך עס מיט ליכט אין מײַן זכרון.
אָ, קום־אַרויס, באַלײַכט דעם וועג פֿון מײַנע יאָרן—
דער יאוש גייט מיר אומעטום אנטקעגן.

איך קלאָג זיך נישט פֿאַר גאָט און נישט פֿאַר לײַטן.
איך זוך מײַן וועג אויף טויזנט פֿרעמדע וועגן.
בײַ וועמען, נאָכט, בײַ וועמען פֿרעגן? —
עס זעהט זיך נישט קיין פֿײַערל פֿון ווײַטן...

## אין פלאַמען שטייט די וועלט

XIX.

אין פלאַמען שטייט די וועלט
און וואָלענדיג איז היינט דער שרעק פון טויט;
וואָס דורות האָבן לאַנג געפלאַנצט —
צעשטערט איין טאָג.

מיין פריינט, וואָס גייט מיר אָן דער טומל?
מענשען־דורות! זיי פארגייען,
ווי די שנייען.
וואָס גייט מיר אָן דאָס אַלץ, וואָס זיי צעשטערן
און אַלץ, וואָס שוואַכע הענט
באַנייען ווידער?

היינט איז זוניג

פרילינג קומט,

פריילאַך קלאַפּט מײַן האַרץ

און האָפט אויף בלומען,

גראָז וועט גרינען זאַפטיגער

דאָרט, וואו וואַסערשטראָמען לויפן...

און אפשר וועל איך זיך פאַרליבן?

און אפשר וועל איך שטאַרבן אויף די בלומען?

## נאָך מיר.

### XX.

און אַלץ וועט זײַן, וואָס איז געווען,
נאָר איך וועל מער די זון נישט זעהן.

די הידרע שלעכטס וועט רײַטן פרײַ
פון לאַנד צו לאַנד, פון לאַנד צו לאַנד,
מיליאָנען קנעכט, אין קייט און שאַנד,
באַגריסן איר און דינען טרײַ.

נאָר שטערן וועלען ברענען הויך...
פון יעדן קרבן בלײַבט אַ רויך,
פון יעדן שטרייט אַ שיינע ליד,
אַן אָפּגעמעקטער לעבנסטריט...

פון וואָס איך טרוים? אין וואָס איך גלויב?
דער ווינט, דער ווינט, דער צוקונפט־ווינט,
ער וועט אַרומטראָגן מײַן שטויב...

## גאַסן.

### XXI.

לאַנגע, באַלויכטענע שטאָט־קאָרידאָרן,
לײדיגע גאַסן... איך האָב זיך פאַרלאָרן,
איך קאָן אין דעם אײנזאַם מײן הײם נישט געפינען—
הײם פאַר אַ ביסעלע רוהיגן זינען.

אומרו פון טאָג איז מיר צופיל געבליבן
און אין געדאַנק איז דער מאָרגן פאַרשריבן;
קלײניטשקע דאגות, װי װערם, װאָס סמען,
מוט און חלומות און אַלעס צוזאַמען.

לײדיגע, ליכטיגע, רוהיגע גאַסן,
הײזער־קװאַדראַטן באַלויכטן אין בלאַסן...
קברים אַלײן פון די מתים פאַרשלאָסן,
קברים אַלײן פון די מתים פאַרשלאָסן.

## שפרייזנדיג ביינאַכט.

### XXII.

אַ טויער—אַ נומער.
אַ נומער—אַ שלאָס.
אַ פֿענסטער אַ שטומער.
אַ ווינטל, אַ בלאָז.

אַ פֿאַל פֿון אַ שטערן.
אַ קרעכץ פֿון אַ שלאָס...
געוואָלט עפּיס קלערן—
פֿאַרגעסן זיך, וואָס...

# בילדער.

## I.

ס'קומען יעדע נאַכט אין שײנק,
די אויגן מיד און מאַט:
דער דיכטער מיט די לאַנגע האָר,
מיט אים דער מעצענאַט.
מען זיצט, מען רעדט, מען עסט, מען לאַכט,
מען גענעצט אין דער נאַכט אַרײַן,
מען גענעצט אין דער נאַכט.

אין זיצענדיג שוין זאַט און מיד,
שרײַבט־אָן דער דיכטער דאַן אַ ליד:

ח

אויף אַ סערוועטקע שרייבט ער אַ—
אַן עפּיגראַם, אַ קלאַנג, אַ טאָן,
אַ ליד. אַ טראַ־לאַ־לאַ,
אַז אַ ץ איז טרין־טראַוואַ.

דער מעצענאַט, דער מעצענאַט
האָט אַ פֿאַרשוויצטן קאָפּ.
ער נעמט דאָס פּראָספּאַפּיר אין האַנט,
דעם דיכטערס ליד,
און ווישט די פּעטע ליפּן אָפּ...

## אַ גאָבעלען

II.

אַ פּאַרק מיט פֿאָנטאַנען,
אַ טײַכל מיט שוואַנען,
אַן אוראַלטע מעשה
מיט שוואַנען, מיט הײַסע.
אַ יונגפֿרוי, אַ ריטער
און אײנער אַ דריטער—
ער קוקט דורך די בײמער
אַזוי ווי אַ שומר.
דער ריטער אין לאָקן
מיט לאַנג־לאַנגע זאָקן...
ער שטײט אײנגעבױגן

מיט בעטנדע אויגן.
ווילאנג וועט ער בעטן?
זי זאָל אים שוין רעטן,
ווילאנג וועט ער קני־ען?
איר הארץ צו באמיען.
עס שפריצן פאָנטאנען,
עס דרימלען די שוואנען...
איך קוק אויף דאָס פּאָרל
פיל יאָרן, פיל יאָרן.

# גאַסן-טריט.

III.

פֿענסטער באַשפּיגלט, באַלויכטן,
יום־טובדיג פֿרײַ איז די גאַס...
ליבע און תּאוה און חלום,
שמייכל, געלעכטער און שפּאַס.

פּאָרווײַז און אַלע צוזאַמען ;
ס׳קויטלען זיך מענטשן אַ סך :
בויגיגע, דורשטיגע קערפּער,
שטיפֿעריש־לײַכט זייער שפּראַך.
איטליכער זוכט פֿאַרגעניגן ;
פֿרויען מיט רייץ און קאַפּריז
שפּרײַזן געאָרעמט און שמייכלען,
שאַרן צום טאַקט מיט די פֿיס.

הערצער, פֿאַרדעקט און באַהאַלטן,
צאַפּלען און שטורמען ווילד,
בלומען אין גלעזערנע תּפֿיסות
שמייכלען אַרויס אַזוי ווילד.

אָפֿן און פֿרײַ דער גן־עדן,
אָפֿן... דער גיהנום פֿאַרמאַכט;
דאָס, וואָס דער טאָג וויל נישט געבן,
מאָנט מען עס איצט פֿון דער נאַכט.

## אויף די זייטיגע אַלייען.

### IV.

אומבאַקאַנטע סילועטן—יענע מענטשן,
וועלכע שפּרייזן אויף די זייטיגע אַלייען;
פֿון די טומלדיגע גערטנער—
אויף די זייטיגע אַלייען.

וואו אַ באַנק איז זעלטן־ווען פֿאַרנומען,
וואו די קלומבעס פֿון די איינפֿאַכערע בלומען
פֿאַנגען זעלטן וועמענס בליקן—
כ'וויל אַ גרוס צו יענע שיקן.

די, פֿאַרגעסענע, געטער־וואונדער?
ווייס דען עמיץ וואָס זיי זוכן

אין דעם שאָטן פון די צווײַגן ז
ליפּן מורמלען, ליפּן שווײַגן.

די, וואָס וואַנדערן באַזונדער
אויף די זײַטיקע אַלייען—
זאָל אַ גרוס פון טיפן האַרצן
זיי באַפרײַען און דערפרייען...

## קעצלאך.

V.

### א

אויפן דעכל ליגט א קעצל,
אויפן דעכל, אויף דער זון.
קאן איך ס׳קעצל נישט פארגינען
נישט דעם דעכל, נישט די זון.[ס]
דרעמעלש־מיד און דרעמעלש־ז׳לאך,
ציט זי אויס די קליינע פיסלאך,
ציט זי אויס און ציט זי איין—
עס איז גוט א קאץ צו זיין.

ב.

אַ קעצל לויערט אויף אַ פֿייגל
און איך לויער אויף דאָס קעצל
מיטן האַרץ און מיט די אויגן.

ס'איז אַ שאָד אַ יונגן פֿייגל,
נאָר דער יאָגד איז מיר געפֿעלן,
ווי געשיקט עס איז דאָס קעצל.

אָ, אַ פּיפּס... און אַ רחמנות:
ס'פֿליען פֿעדערלאַך פֿיל גראָע,
ס'פֿליען פֿעדערלאַך פֿיל גראָע.

## אַ קינד איז געשטאָרבן

### VI.

אַ קינד איז געשטאָרבן מיט הימלישע אויגן,
אַ קינד, װי אַ מלאך, צום הימל געפלויגן...

אָ, מאַמע! פון גאָט איז דער מלאך געקומען,
און גאָט האָט אים װידער צו זיך צוגענומען.

עס איז אַזוי רוהיג געװען דאַן אין צימער,
מען האָט נישט באַמערקט קײן באַװעגונג, קײן שימער...

מען האָט נישט געהערט, װי עס פלאַטערט אַ פליגל—
אַ קינד איז געשטאָרבן באַגינען אין װיגל...

אָ, מאַמע! נישט װײן מער, נישט גיס מער קײן טרערן—
בײַנאַכט װעט אין הימל זײַן מער מיט אַ שטערן.

# דער גרינער פּאַפּוגײַ,

## VII.

### א.

אונטן לעבט אַ קאַטערינשטשיק,
האָט ער יאַטישע צווײ מײדלאַך,
האָט ער יאַטישע צווײ מײדלאַך
מיט אַ גרינעם פּאַפּוגאַי.

יונג נאָך זײנען בײדע מײדלאַך,
גאָר די בלוזקעס װערן שמעלער
און עס זיצט זיך נישט אין קעלער
אין די העלע טעג פֿון מאַי.

בײדע מײדלאַך גײען באָרװעס,
בײדע טאַנצן אין אַ רעגן,
קומט דער טאַטע זײ אַנטקעגן
מיט דעם גרינעם פּאַפּוגאַי.

שטײען שטיפֿערקעס בײַם טויער:
אײנע פֿלעכט צונויף איר צעפּל
און די צװײטע גלעט דאָס קעפּל
בײ דעם גרינעם פּאַפּוגאַי.

ב.

ברײנגען אָפּט אַרויס די טעלטער
אויפֿן הויף דעם פּאָפּוגאַי;
פּאָפּקע, רײד, נישט זײַ קײן שלעכטער:
„אײנס, צוויי, דרײַ...“

ווען וועט קומען מײַן באַשערטער?
וויפֿיל יאָר וועט נאָך פֿאַרבײַ?
פּאָפּקע, ענטפֿערט, אַ פֿאַרקלערטער:
„אײנס, צוויי, דרײַ...“

פֿרעגט די אַנדערע מיט זאָרגן,
גלעטנדיג אים טרײַ...
וויפֿיל גראָשנס ברײנגסטו מאָרגן?
„אײנס, צוויי, דרײַ...“

אויפֿן הויף ווערט היימיש, ליכטיג
און מען לאַכט דערבײַ,
ווען דער גרינער פּלאַפּלט ריכטיג:
„אײנס, צוויי, דרײַ...“

ג.

איך האָב נאָך דאַן אַסך געלעזן
און געזוכט מײַן גאָלדן לאַנד,
איך בין נאָך דאַן פֿאַרליבט געװעזן
אין גאָט... אין הימלס בלױען ראַנד.

און עס האָט מיר דאַן געצױגן
יעדער סוד פֿון אונזער װעלט,
יעדער פּאָר פֿאַרליבטע אױגן,
יעדעס קינד און יעדער העלד.

רױטער קעפּל, גרינער פֿליגל,
װײַטע לאַנד פֿון פּאַפּוגאַי.
צװישן גרױען שטײן און ציגל
בלײַבט מײַן חלום יונג און נײַ.

און מײַן פֿענסטער האַלט איך אָפֿן
ביז פֿרימאָרגנס ערשטן שטר[illegible]ל.
כ'בין פֿון רײַכקײט נישט געשל[illegible]ן
אין דעם אָרימען ק[illegible]

ו.

פֿריילעך מאַכט דער גרינער פֿויגל
ווען איך קוק אויף זײַנע פֿאַרבן,
און איך גלויב אין אַלע וואונדער,
ווען ער פּלאַפּלט אויס מײַן נאָמען.

און אַרום דאָס גאַנצע וועלט
איז אין סודות אײַנגעשלײערט:
די גנבים מיט די פּאַסערס,
די קאַט'רייקעס מיט די מיידלעך.

דאָרט אין יענע רײַכע גאַסן
אין אַ טיפֿער וואַלד פֿון לעבן,
דאָ אין הײַזלעך אונטער שינדלעך
וואוינען בייזע, פֿלינקע יעגערס...

אינדערפֿינסטער פֿאַלן סטראַלן
פֿון אַ קליינעם טאַשנלעמפּל:
איינער פּײַפֿט, דער צווייטער ענטפֿערט...
אינדערפֿינסטער, אינדערפֿינסטער...

## אין טאָלעדאָ.

### א.

חנוכּה איז יום־טוב אין טאָלעדאָ.
פֿון דערפֿרי שוין, פֿון באַגינען
קלינגען הויך די קלויסטערגלאָקן
און זיי רופֿן גאָט צו דינען.
די היספּאַניער שטאָלצע פֿרויען
קניען נידעריג און בעטן:
גאָט זאָל שענקען גליק און ליבע,
גאָט זאָל מוחל־זיין און רעטן.
ים׳ען בלומען, קרויזן, סטייגעס.
קינדער שפּילן אויף די גאַסן.
זייד און סאַמעט... חנוכּה ציינדלאַך
שמעקנירען מילד און שפּאַסן.

אַלטע לײַט און יונגע ריטער,
רײכע דאָנעס, אָרמע פֿרויען,
הײַסע מנישקעס, שוואַרצע מניכן,
חי אַ סטאַיע שוואַרצע קראָען.
הײַנט איז יום־טוב אין טאָלעדאָ...
אַזאַ טאָג איז זיס און טײַער:
הונדערט מאַן פֿאַרפֿלוכטע ײדן
גײען שטאַרבן אויפֿן פֿײַער.

## בּ.

אויפֿן פּלאַץ פֿון אַלטן קלויסטער
ווערט אַלץ רוישנדער און ערגער
און די אַלטע שווערע גלאָקן
קלינגען העכער, קלינגען שטרענגער.

אַ געזאַנג קומט־אָן פֿון ווייטן;
אויגן פֿינקלען, אויגן שטראַלן:
לאַנגזאַם שפּרייזט דער אינקוויזיטאָר
אין אַ קרייז פֿון קאַרדינאַלן. ׳
און נאָך זיי אין טיפֿן שווייגן
שפּרייזט און קניט אַ גרויסער עולם:
זעלנער, ריטער, מיוחסים—

חער מיט שווערד און ווער מיט צלם.
פּלוצלונג כאַפּט זיך אויף דער עולם
און די גלאָקן גלאַנגלען העכער...
טויזנט אויגן פֿון באַלקאָנען,
פֿון די ביימער, פון די דעכער,
טויזנט מײַלער נעמען ברומען,
חי אַ ים אין צײַט פֿון שטורם.

. . . . . . . . . . . .

די קרבנות גייען רוהיג
צום מזבח פֿון יסורים.

ג.

פֿון דעם הויכן אויטאָ־דאַ־פֿע
פֿליען פֿײַערן צום הימל
און אַ שײנע פֿרומע דאָנאַ
וואַרפֿט אין פֿלאַם אַרײַן אַ בלימל.
זײַ זיי מוחל גאָט, געטרײַער!
די פֿאַרפֿירטע. זײַ זיי מוחל!
און אַ ריטער קוקט און שמייכלט,
זי פֿאַרשטייט דעם ריטערס שמייכל.
„דאָנאַ, דאָנאַ! הײַנט אין אָוונט
ווײל מײַן האַרץ דײַן האַרץ דערגרייכן:
בײַ דעם שײַן פֿון דער לבנה,
וועסטו לײַכט דערזען מײַן צייכן.“

איבערראַשט פֿון גליק און ליבע
ווערט נאָך גרעסער איר רחמנות,
און זי וואַרפֿט דאַן אַלע בלומען
אין דעם פלאַם... צו די קרבנות.
נאָר די פלאַמען ווערן קלענער,
דער מזבח נעמט שוין צאַנקען..
און די טויטע... שיינע דאָנאַ!
טויטע קענען דאָך נישט דאַנקען!

## ד.

אין טאָלעדאָ... אין טאָלעדאָ
לעבט מען פריילאַך און אָהן זאָרגן.
גאַלט און שאָטן... אין די שאָטנס
האָט דער טאָג זיך טיף פאַרבאָרגן.
מאַנדאָלינעס, סערענאַדעס,
טענץ, געזאַנג און קאַסטאַנעטן;
אין די סעדער דורך די ביימער
שלייכן פלינקע סילועטן.
גליק און ליבע, פרייד אין בלומען
פון פרימאָרגן ביז פרימאָרגן.
אין טאָלעדאָ... אין טאָלעדאָ
לעבט מען פריילאַך און אָהן זאָרגן...

## פאַנאַ וואַנדאַ.

דאָנא קלארא, דאָנא קלארא,
הייס געליבטע דאָנא קלארא.

### א.

פאנא וואנדא, פאנא וואנדא!
מיט אַ שרעקעדיגער העזה
פרעג איך צו צו אייער נעזל
אַ קליין צווײַגעלע מימאָזע.

איר זענט ווידער הײַנט באזונדער,
נאָר באזונדער, ווי געוועזן.
אייער טאטע זינגט המבדיל
און איר שפילט די פּאַלאָנעזן,

אָך, עס ווערט נישט איין מעלאָדיע
פֿון די ביידע צווײ געפֿילן ;
איר פֿאַרטרײַבט דעם טאַטענס חלום,
איר פֿאַרטרײַבט עס מיטן שפּילן.

שבת־קדש שוין פֿאַרשוואונדן,
איר האָט צוגעמאַכט די נאָסן,
נאָר מיט אייך איז שווער צו ריידן,
לאָטש איר האָט עס נישט פֿאַרבאָסן.

עפּיס לייענט איר אַ בריוול
און איר וואַרפֿט עס באַלד אַנידער...
פֿאַן גורעצקי... וואָלט איך שווערן,
פֿאַן גורעצקי שרײַבט שוין ווידער.

פֿאַן גורעצקי איז אַ ריטער,
קאָן זיך בויגן און פֿאַרנויגן,
קאָן פֿײַן זאָגן קאָמפּלימענטן
און אַ חניפֿה אין די אויגן.

נאָר גורעצקיס בייזע כּלבים
האָבן איינמאָל שוין צוריסן
איער טאַטעשיס קאַפּאָטע
און די פּיס אים שטאַרק צוביסן.

זייט נישט ברוגז, פאַנא חאַנדאַ!
וואָס איך רייד עס און דערצייל אייך...
איר זענט היינט אַזוי פאַרחלומט,
מיר איז היינט אַזוי נישט פריילאַך...

## א פערד־מאַרק

אין זחאָלין איז היינט א פערד־מאַרק.

אָנגעפאָרן זיינען פריצים מיט פיל כלאָפּעס פון אַרום.
פון זאַגלאָבי, וואָוואָלניצע
און פון קאַזמערזש, באָלאָטניצע,
נאָנט פון פולאַוו, פון אָפּאָליע
און פון זאַמאָשץ, קאָנסקע־וואָליע,
פון גאָרבאַטקע,
פון מאַרקראַטקע...
אָנגעפאָרן זיינען פריצים מיט פיל כלאָפּעס פון אַרום.
מענטש און פערד פון אומעטום.

פֿון זאַמאָיסקיס רײַלע סטאַינעס—
פֿערד חי אָדלער.. די ציגײַנערס
רופֿן איינעם און דעם צווייטן :
„קויפֿט דעם שוואַרצן, קויפֿט דעם רויטן!“
אויסגעשפּאַנטע,
אײַנגעשפּאַנטע.
ס'לויפֿן פֿערד פֿון אלע זייטן,
ס'הויבט דער שטויב זיך פֿון דעם רײַטן.
אַלע האָפּקען, אַלע שרייען
און פֿון פֿײַפֿן, הירזשערײַען,
פֿון דעם קלאַפּן אין די הענט
טרייסלען זיך אין קלויז די ווענט.

אין די ברונעמס וועט נישט סטײַען
חיינט קיין וואַסער פֿאַר די פֿערד
אין די שיינקען וועט נישט סטײַען
חײַנט קײַן בראָנפֿן... קוקט און הערט!
„אָט דעם אָדלער, אָט דעם שוואַרצן“
קלאַפּט אַ ייִדל זיך אין האַרצן
מיט אַ הייזעריגן קול.

„אַט דעם אָדלער, ברענגט אַ פּריץ
פֿון דעם רוסישן אָריאָל.“

אין דאָס פֿערד
קלאַפּט די ערד
מיט אַזעלכע ווילדע קלעפּ,
שוימט מיט מילך
און הירזשעט, הירזשעט ווי אין סטעפּ.

צוגעפֿאָרן איז אַ שליאַכטיטש—
מיט אַ פּעדער אין זײַן הוט,
אויף אַ פֿערדל אַן אַראַבער,
יאָ, אַראַבער עלטעס בלוט.
פֿאַרן פֿערד, צי פֿאַרן שליאַכטיטש—
ס'האָבן כלאָפּעס זיך דערשראָקן
און מען נעמט אַראָפּ דאָס היטל,
פֿאַרן פֿערד, צי פֿאַרן שליאַכטיטש...

דין די פֿיס, ווי יונגע סאָסנעס,
שטאַרק, ווי שטאָל, ברוין ווי שטאָל,

און עס ווילט דער ייִד שוין בײַטן
אויף זײַן אָדלער פֿון אָריאָל.
נאָר דער שליאַכטיטש גיט אַ שמייכל
מיט צופֿרידענהייט און שפּאָט,
גיט אַ יאָג זיך, גיט אַ טראָג זיך
און צוטרײַבט דעם גאַנצן ראָד.

פריצים קומען און באַקוקן,
ווילן קויפֿן און פֿאַרקויפֿן,
יונגע פֿערדלאַך טאַנצן, שטיפֿן,
וויגן־אָן זיך און אַנטלויפֿן.

אויסגעשפּרייט מיט קאָנעשינע
איז דער גאַנצער מאַרק.
בײַ אַ וואָגן שטייט אַ קליאַטשע
אײַנגעהויקערט שטאַרק.
און דער פּויער, אַ פֿאַרשעמטער
רירט זיך נישט פֿון אָרט:
„וויפֿיל ווילסטו פֿאַר דעם פּגר־
דאַרפֿסט אים ווער אַ וואָרט.

צעפּ מיט סטײַנגעס אײַנגעפֿלאָכטן,
װײדלאַך ברײטע און פֿאַרשאָרן.
אין די װײַסע צײנער קוקט מען
און מען צײלט גענױ די יאָרן.

פֿלוצלונג לױפֿט צונױף אַן עולם —
אַלע קוקן, װאָס דאָ איז?
ס'װיל אַ פֿערד נישט לאָזן רײַטן,
שפּרינגט און שטעלט זיך אױף צװײ פֿיס.
מורז, דער העלדישער ציגײַנער,
שפּײַט אין הױפֿן: דו ביזט מײַנער!
גיט אַ שפּרונג און פֿאַלט־אַראָפּ,
און אַ כלאָפּ צוקלאַפּט דעם קאָפּ.
פֿלוצלונג, זעהט, דעם בעל־עגלה!
זעהט נאָר זלמנס זון פֿון קאַזמערזש.
אַלע װײסן אין אָפּאַליע
און אין נאָנטן קאָנסקע־װאָליע,
אַז דאָס איז אַ גרױסער בריה —
פֿינף יאָר דינסט אין קאַװאַלעריע.

ציט ער צו און מיט די פינגער
גיט ער אזא פײַנעם קנאַק.
נאָר די כלאָפּעס, די ציגײַנער
לאַכן־אויס דעם זלמניאַק.
קײנער האָט נאָך נישט באַמערקן
אונזער בחור אָנצוקוקן
און ער זיצט שוין, ווי א פּריץ,
אויף דעם פערדס תאַזיגטן רוקן.

„הײַדאַ! הײדאַ!"
די ציגײַנער נעמען שרײַען
„הײַדאַ! הײַדאַ!"
און די כלאָפּעס ספּרינגען־אָפּ.
ווער עס האָט געבענטשטע אויגן,
קוקט זיך אײַן—סאַר א גאַלאָפּ!
קוקט זיך אײַן—סאַר א גאַלאָפּ!

דורך די פעלדער לויפן פורלאַך
און פאַרשטויבן אַלע וועגן,
און די זון, אין שטויב פאַרשלײערס,

קומט אַ רויטע זײַ אַנטקעגן.
פֿערד פֿון פֿאָרנט, פֿערד פֿון הינטן,
צוגעבונדן,
אָפּגעבונדן
און פֿון נאָענט און פֿון ווײַטען
הער צופֿוס און הער אין רײַטן—
פֿערד און מענטש פֿון אַלע זײַטן.

און מען רעכנט אין זכּרון,
הער פֿאַרדינט און הער פֿאַרלאָרן;

אויף די פֿורלאַך צווישן כלאָפּעס
זיצט אַ שווײַגנדיגער ײדל;
שוין געענדיגט, שוין געענדיגט,
שוין געענדיגט דאָס ירידל...

## נאַ שווענטעגאָ יאַנאַ

א.

ס׳איז נישט אונזער יום־טוב, ס׳איז נישט אונזער פרייד
און איך קוק מיט טרויער, ווי דער טאָג פאַרגייט.
אין קאָלירטע קרעלן—
מיידלאַך אויף די שטעלן
און די קאַרוסעלן
גייען אין אַ ראָד,
אין אַ קאַראַהאָד.
בענדער, סטיינגעס פאַלן,
אַלע פאַרבן שטראַלן—
ס׳איז נישט אונזער יום־טוב און איך בין מקנא—
נאַ שווענטעגאָ יאַנאַ, נאַ שווענטעגאָ יאַנאַ!״

## ב.

קינדער קויפֿן צאַצקעס אין אַ ייִדיש קרעמל
און איך גיי און שטייס זיך אין אַ פֿרעמד געזעמל:
טראָג זיך, טרויער מײַנער!
ייִדן און ציגײַנער,
זאָסיעס און די יאַנקעס
אין די קראַקאָוויאַנקעס.
און אַן אַלטער פֿויער,
ווי אַ גאָט אַ גרויער,
שפּילט זיך אויף זײַן געגשלע, מורמלדיק: „אי־דאַנאַ—
נאַ שוועגטעגאָ יאַנאַ, נאַ שוועגטעגאָ יאַנאַ!

פֿייפֿעלעך, טרומייטן בלאָזן אַלע טענער,
קליינע שקצים קרייען ווי די יונגע הענער.
חאַצעק מיט אַ פֿערדל,
חיצעק מיט אַ שווערדל,
חאַיסעק מיט אַ ביקסל
צילט זיך אין אַ שיקסל,
צילט זיך מיט כּיסטאָנעס,
נאָר ער קריגט רהמבור...
און איך גיי, בעטראַכט אַלץ מיט מײַן „מה־נשתּנה״ —
נאַ שווענטעגאָ יאַנאַ, נאַ שווענטעגאָ יאַנאַ!

ד.

פורלאך לויפן האסטיג צום שאָסיי פון שטעטל.
אויפן הימל לויכס שוין אַ בעגולטער שרעטל.
ערגעץ־וואו אַ פידל,
ערגעץ־וואו אַ לידל,
ערגעץ־וואו אַ טאַנצן
מיטן ברען אינגאַנצן.
אזא שטיל דערפרײטער,
גיי איך אָהן באַגלייטער,
שפּרײַז איך און איך מורמל שוין אַליין : „אי־דאַנאַ :“
נאַ שווענטעגאָ יאַנאַ, נאַ שווענטעגאָ יאַנאַ !

## ה.

ווי עס ווערט נאָר פינסטער, ווייזט זיך באַלד אַ פייער;
צי דאָס ברענט דער פּאַלאַץ, צי דער אַלטער שייער.
אָך, דאָס האָבן כלאָפּעס
אָנגעצונדן סנאָפּעס
און גענומען זינגען
און גענומען שפרינגען...
איך מיט זיי אינמיטן—
איינע האָט פאַרביטן.
איינע, איינע רופט מיך: „דראָגי מאָי קאָכאַני—
נאַ שווענטעגאָ יאַנאַ, נאַ שווענטעגאָ יאַנאַ.

ז.

ווי און וואָס איך ווייס נישט, ווי דאַס איז געקומען.
אומעטום די שנאַח און איר בייזן ברומען—
נאָר די נאַלט ווייזט וואונדער
און מיט איר באַזונדער.
ווייַטער, ווייטער, ווייַטער
פון דעם רויטן טייַטער.
וואו איך גיי, מיט וועמען ?
וועמען דאַרף עס קלעמען ?
לילית איז נישט בייז הייַנט, פרום איז נישט שושנה—
נאַ שווענטעגאָ יאַנאַ, נאַ שווענטעגאָ יאַנאַ !

ז.

אויף אַ פֿרעמדן יום־טוב, אין די פֿרעמדע זאַנגען,
מיט אַ פֿרעמדער מיידל איז די נאַכט פֿאַרגאַנגען.
איך האָב זי גענומען,
זי איז שטיל געקומען
פֿון דעם ווילדן פֿייער,
ווי אַ גס אַ נייער.
וואַלד און גראָז און בלימל,
נאַכט אין טיפֿן הימל,
גאָט, מלאכים, שטערן! טאַנצט מיט מיר הושענה—
נאַ שווענטעגאָ יאַנאַ, נאַ סווענטעגאָ יאַנאַ.

אַ יונגן אָדלערל, אַ זון —

ווען איך וואָלט האָבן אַ יונגן אָדלערל.
מיט אויגן שוואַרצער פֿיל ווי מײַנע,
מיט יונגע פֿיסטעלאַך, ווי שטאָל,
מיט לאָקן טונקל, ווי די נאַכט אין טאָל —
מײַן זון, מײַן זון!

אין טעג פֿון צער און נויט
וואָלט איך די פֿליגלען שטאַרקער דיר צושפּרייט!

אין טעג פֿון רו
וואָלט איך מיט מעשיות דיך געוויילט
און שאַרפֿער־שאַרף די נעגל דיר געפֿײַלט.

דאָס לעבן איז קיין תּפֿילה־טעמפּל
און נישט קיין משפּט־הויז,
אויך נישט קיין שוועל פֿאַר שטומע בעטל'ער
בײַ אַ רײַכנס הויז.
אָ, פּרעס־צונויף די יונגע ליפּן
און הער מיך אויס בײַנאַכט:
דאָס לעבן איז אַ בייזע שלאַכט...

אָ, דריק מיך פֿעסטער אומגעאַרמט,
דו האָסט אין מיר דײַן לעצטן פֿרײַנט.
איך וואָלט די טעג אַזוי געוואָרעמט,
איך וואָלט דײַן יונגן וועג באַשײַנט,
מיט בלומען העלע אויסגעשאָטן
און אָפּגעטריבן יעדן שאָטן.

נאָר אויב ס׳איז נויטיג פֿאַר דײַן צוקונפֿט,
וועל איך מיט שטײַנער לאַנג דיך שפּײַזן
און אויספּלאַנצן אַ האַרץ פֿון אײַזן.

כ׳האָב געמיינט: ס׳איז דאָ צוויי וועגן,
בין איך אויף ביידע לאַנג געגאַנגען—
אָ, דומע, נאַרישע פֿאַרלאַנגען!
נישטאָ קיין גוטס, נישטאָ קיין שלעכטס.
פֿאַראַן איין וועג דורך גיפֿט און שלאַנגען,
דורך שטיין און צאָרן, האַס און גאַלט—
איין וועג, איין ציל, איין שלאַכט...

מײַן יונגער אָדלערל, מײַן זון!
דײַן ערשטער טרוים מוז זײַן דײַן לעצטער טרוים
דו ליב דעם ים און נישט זײַן שוים.
אין שטורמטעג וועל איך דיך פֿליען טרײַבן,
אין שוואַרצע נעכט וועסטו מיר אײַנזאַפּ בלײַבן.
איך וועל באַמוטיגן דײַן האַרץ פֿאַר יעדער שרעק.
עס שטייט דיר פֿאַר אַ שווערער וועג.

וואָס איך האָב געזעהן אין צײַלן,
מוזטו אין לעבן עס דערגרייכן,
וואָס איך האָב נישט געקאָנט דערלאַנגען,
מוזטו עס לײַכט און פריילאַך נעמען.
וואו איך בין אַ געבונדענער געגאַנגען,
מוזטו אין פלי זיך לײַכט פאַרנעמען
און שוועבן הויך
און שוועבן הויך—
איך זאָל אין קבר זיך נישט שעמען.

איך האָב געגלויבט פאַר זיך
און אויך פאַר דיר געגלויבט.
געצווייפלט האָב איך אויך פאַרביידן.
גאָר דו גיי גלייך און קוק פאָרויס:
צעשאָטן איז דײַן טאַטנס הויז,
פאַרלאָשן איז זײַן מידער בליק,
גאָר דו ביזט שטאַרק און טראָגסט דיין קאָפּ
צום זיג, צום זיג!

אָפּט זעה איך דיך אין ווײַטן טרוים:
עס גײט אַ שלאַכט, דו ביזט אינמיטן.
עס בלאַנקט דײַן שווערד אין רעלטן פײַער
אָפּט זעה איך דיך, מײַן זון, מײַן טרײַער
אָפּט הער איך, דער באַזיגטער שילט
דײַן שטאַם, דײַן פֿאָטער שילט ער ווילד:
„ווער האָט אַ העלד אַזאַ געבאָרן?"
זײַן קללה קלינגט מיר, ווי אַ ברכה
און ווי אַ באַלזאַם גלעט זײַן צאָרן,
מײַן זון, מײַן אײנציגער בטחון!

איך האַלט די צוקונפֿט אויף מײַן קני.
איך גלעט דײַן קאָפּ, עס איז נאָך פֿרי
דיר אַלץ צו זאָגן און פֿאַרטרויען,
נאָר לאַנגזאַם אין די שטילע שעהן,
איך גיב דיר איבער מײַן צוואה.

איך וועל דיר נאָכגיין איינגעבויגן
און נאָכקוקן דיַין ערשטן זיג.
אין שאָטן וועל איך גיין באַהאַלטן
און אָפּשפּרינגען געשווינט צוריק —
עס זאָל מיך קיינער נישט באַמערקן.
נאָר טאַנצן וועט מײַן האַרץ פון פרייד
און בענטשן וועל איך שטילערהייט
דעם גאָט, דעם טייוועל, וואָס דו דינסט.

אָפּט שפּיר איך שוין דײַן יונגן כּוח,
דו רײַסט זיך שוין פֿון מײַנע הענט.
איך דעק דיר אָפּ מײַן האַרץ אינגאַנצן
און פּרוב די נעגל דײַנע אויף מײַן האַרץ...

איך וויג דיך אײַן, איך זינג דיך אײַן:
דו ווערסט, מײַן קינד, אַ הערשער זײַן.
אַ שטאָלצער קאָפּ פֿאַרדינט אַ קרוין
און שטאָלץ איז דער, וואָס גייט אַלײן.

אָפּט זעה איך דיך אין ווײַטן חלום:
דו שפּרײַזט דורך שטאָט און טאָל און באַרג,
טראָגסט שווערע שטיינער אויף דײַן קאַרק,
טראָגסט מאַרמאָר פֿאַר דײַן שלאָס.
אָ, דאָס ווערט זײַן אַ שלאָס פֿאַר אײנעם
אַנטקעגן זון.

אַנטקעגן גאַס!
און איבער אַלעמען פֿאַר אײנעם!

אין טיפֿן קעלער פֿון דײַן שלאָס
וועט ליגן אײַנגעפּאַסט אַ פּליטע:
מײַן שטומע, אײַנזאַמע מצבה,
פֿון שוואַרצן שטײן,
מיט דראָבנעם שריפֿט:
„איך האָב גענומען פֿון דײַן פֿײַער
מײַן יונגן לײַכטיגן פֿרימאָרגן
. . . . . . . . . . .
אַ יונגן אָדלערל, אַ זון,
ווען איך וואָלט האָבן אַ יונגן אָדלערל!..

## דער שטומער נאַכטון.

אויפ׳ן באַרג בײַ די רואינען
פֿון דעם לאַנג־צעשטערטן פּאַלאַץ,
וואו עס וואַלגערן זיך עלנט
שטיקלאַך פֿרעסקעס מיט מאָזאַאיק,
אײַנגעשטוליעט טיף אין גראָזן,
צווישן נדעריגע בלומען,
וועלכע דעקן אײַן די חורבות,
פֿיטערט רוהיג זיך א שטאַדע.

כ'ליג באַהאַלטן אין אַ ווינקל,
איינגעדעקט אין קילע שאָטנס:
הוידעט רוהיג זיך אַ צווייגל,
שוועבט פאַרביי אַ פריינטליך ווינטל,
שרייט דער קוקו פון דעם וועלדל...
שרייט און ציילט דער וועלט די יאָרן...
און די קלאַנגען פון דער שטילקייט
זיינען נאָענט מיר ווי די שטילקייט.

שוואַרצע קראָען, שוואַרצע ראָבן
מיט די ווערם און די שנאָבלען
פליען נידעריג און לאַנגזאַם
איבער מיר גלייך צו די נעסטן...
און די נעסטן זיינען נאָנט גאָר:
אין די שפּאַלטן, אין די לעכער
פון דעם לאַנג־צעשטערטן פּאַלאַץ,
וואו איך ליג אין די רואינען.

מיד פֿאַרשליסן זיך די ברעמען,
גאָר איך זעה די גאַנצע געגנט.
ווען איך האַלט פֿאַרמאַכט די אויגן;
טײַך און לאָנקע, טײַך און הימל
און די גרויסע מילן־פֿליגען
וויגן רוהיג זיך, געלאַסן...
גלײַך עס וואָלט די ערד געאָטעמט
אונטער מיר דאָרט, באַרג־צופֿוסן.

נאָנטע טריט דערהער איך פּלוצלונג.
צווײַגלאַך ברעכן זיך און קרעכצן:
ס'איז די סטאַדע צוגעקומען
זוכן גרינס אויף מײַן געלעגער
און דער שטומער פּאַסטוך ראָמאַן
שטייט און קוקט אויף מיר פֿאַרוואונדערט.
וואָס־זשע טו איך דאָ טאָג־טעגלאַך
צווישן איינזאַמע רואינען?

קלײדער־שמאַטעס, אָהן אַ היכל,
און דער פּנים—װילד פֿאַרװאַקסן,
שטײט און גלאָצט אויף מיר די אויגן,
װײַזט מיר צײכנס מיט די פֿינגער:
װיל װאָס זאָגן, װאָס דערצײלן.
—„ראָמאַן, ראָמאַן!“ אַלע קינדער,
אַלע װײסן גוט זײַן נאָמען...
אויף די בערג און סיף אין שטעטל

אָנהויב אָװנס טרײַבט ער לאַנגזאַם
פֿון די בערג אַראָפּ די סטאַדע,
און װי נאָר די קינדער זעען,
אַז עס גײט דער שטומער פּאַסטוך,
װערט אַ שמחה, אַ גערודער
און מען פֿליקט אים און מען ציט אים
און מיט בײזן און מיט גוטן:
ראָמאַן נעמט שוין װײַזן קונצן.

ראָמאַן מעקעט ווי אַ בהמה,
שלינגט איין גאַנצע הויפֿנס טאַבאַק,
טאַנצט אין שמאַטעס, טאַנצט אין שמאַטעס...
גאָר די אויגן בלײַבן שטומע,
ווי זײַן צונג איז אײַנגעשלאָסן.
גיט ער דאָך אַמאָל אַ מעקע,
גיט אַ ברום ווילד, ווי אַ חיה
און אַנטלויפֿט צו זײַנע בהמות.

אָבער דאָ, בײַ די רואינען,
זעהט ער שטאָלצער אויס און ווילדער,
ווי ער וואָלט דאָ זײַן דער הערשער
פֿון דעם לאַנג־צושטערטן פּאַלאַץ.
קוקט אויף יעדרן פֿאַרוואונדערט,
קוקט אויף יעדערן פֿאַרדעכטיק,
ווער עס קומט צו די רואינען,
וועלכע שווײַגן, ווי דער שטומער.

טרעפֿט אַמאָל־ער האָט קיין אָרט ניט,
וואו צו נעכטיגן און רוען,
קריכט ער דעמאָלט, ווי אַ שאָטן
איבער טויטן־גאַס פֿון שטעטל
און ער שרעקט פֿאַרליבטע פּאָרלעך,
שרעקט די שטילקייט און די גראָזן,
און דאָס וואַסער לויפֿט נאָך גיכער,
ווען דער שטומער שפּרייזט אַ בייזער.

אַלע הייזער צוגעשלאָסן,
גייט ער ווידער באַרג־אַרויף שוין
צו די אוראַלטע רואינען
און, ווי אַ פֿעלז צווישן פֿעלזן,
ליגט דער שטומער און ער שלאָפֿט ניט,
און די אויגן זיינע פֿינקלען;
אויף דער ערד אַנטגעגן הימל,
ווי פֿאַרלאָרענע צוויי שטערן.

קוקט דער שטומער אויף די שטערן
און די שטערן אויף דעם שטומען —
אַ געהיימניש ווייסן ביידע:
אי די ערד און אי דער הימל,
און דאָס ווינטל טראָגט די שטויבלאַך
פֿון צוקלאַפּטן שטיין און ציגל.
שטילקייט שטאַרבט אַוועק אין שטילקייט,
נאַכט אַליין אין נאַכט באַגראָבט זיך.

# ראָמאַנטיש.

## דרײ קעפּלאַך.

I.

עס הײנגען בײ מיר אויפֿן וואַנט
דרײ בילדער, דרײ מײדלשע קעפּלאַך.
די ערשטע האָט גאָלדענע צעפּלאַך—
דרײ יאָר, ווי מיר זײנען באַקאַנט.

אַ יאָר האָט געדויערט, אַ יאָר—
איך קאַרג נישט קײן לידער, קײן בלומען...
דערווײל איז די צווײטע געקומען,
די צווײטע האָט פּעך שוואַרצע האָר.

עס איז נאָך קײן יאָר נישט אַוועק,
איר ליבע האָט נאָך נישט דערעסן,
איך ליב נאָך, איך וועל נישט פֿאַרגעסן—
די דריטע געקומען אין וועג.

די דריטע—זי האַלט מיך שוין פֿעסט,
איז שענער פֿאַר אַלע און מילדער;
די וואַנט אָבער וואַרט אויף מער בילדער,=
מײן האַרץ איז קײן אײביגע נעסט.

# איך האָב געגלויבט.

II.

א.

איך האָב געגלויבט דײַן שענעם ליגן
דו האָסט פֿאַרבלענדט און האָסט גענאַרט,
איך האָב דיר זינד אַ סך פֿאַרשוויגן
און נײַע זינד פֿון דיר געוואַרט.

אַ שמעטערלינג איז שווער צו שטראָפֿן,
אַ פֿייגעלע איז פֿרײַ פֿון שולד...
דאָך פֿריי זיך, וואָס דו ביזט אַנטלאָפֿן
און דאַנק נישט מיר... נאָר מײַן געדולט.

ב.

דאָס איז אַ ראָמאַן אין פראַגמענטן,
דאָס איז אַ מלחמה אָהן זיג ;
דו וואָלסט וועלן, וואָס מער קאָמפּלימענטן,
איך וואָלט וועלן אַביסעלע גליק.

ווי קאָן איך דערגיין, ווי פאַרשטיי איך
דיין שפּילן, וואָס לאָזט נישט צורו.
דו וואָלסט וועלן אַ שיינעם מזבח
און ברייגנסט נישט קיין קרבן דערצו.

## III.

די, וואָס איך האָב לאַנג באַגערט,
יענע לעבט נישט אויף דער ערד.
נעם אַרום מײַן מידן קאָפּ,
נעם אַרום און נאַר מיך אָפּ.

נישט צום ערשטן־לעצטן מאָל,
ווײַזט מיר אויס: ס'איז יענערס קול...
זאָג אַ ליגן דרײַסט און שײַן—
איך זאָל גלויבן דיר אַלײן.

## IV.

עס װאַקסן אונטער שײנע מײדלאַך —
שױן נישט פֿאַר אונז... אַך, גאָט!
אַ שאָד די אײגעלאַך די קלאָרע,
די ליפּעלאַך אַ שאָד.

זײ װעלן װען דאָך צײטיג װערן—
שױן נישט פֿאַר אונז... אַ שרעק.
די זאָרג װעט אונז פֿאַרעלטערן
ביז יענע װאױלע טעג.

# דײַן שקר.

V.

איך האָב מיך פֿאַרליבט אין דײַן שקר.
עס האָט מיך פֿאַרבלענדעט דײַן בליק.
אין זײַדענע פֿעדם פֿאַרפּלאָנטערט,
זײ האַלטן מיך פֿעסטער פֿון שטריק.

מײַן ספק צעשווימט אין דײַן שמײכל.
מײַן לײדן צוגײט אין דײַן חן.
זי נאַרסט מיך... איך פֿיל, אַז דאָס נאַרט מיך
זײער לוסטיגער אמת אַלײן.

רײַן שײנקײט בעגנעדיגט דיך שטענדיג
און מוחל בין איך דײַן קאַפּריז:
אַ קוש און אַ ליגן צוזאַמען —
איך נעם עס אַזוי, ווי עס איז...

## VI.

נו, קום אַהער... דערלאַנג צו מיר אַ שמייכל
און קלויב אַליין זיך אויס אַ שטראָף;
פאַרטרייבן דיך? דאָס הייסט דער קאַלטער שכל,
גאָר טיף אין האַרצן בין איך דיר דאָך מוחל...
נו, קום אַהער... נישט וויין... אַ סוף!

אַ נס... געזינדיגט שטאַרק און דאָך פאַרבליבן,
ווי פריער שיין, ביז אומשולד שיין...
צי טאָר מען שוין אַ זינדיגע נישט ליבן?
און גאָט, צי האָט ער דיינע זינד פאַרשריבן?
און איך? צי קאָן איך עס פאַרשטיין?..

אין האַרצן לויכטן העל די בליקן דיינע,
ס'איז יום-טובדיג ביי מיר אויפסניי.
פאַר נעכטן האָב איך נישט צו דיר קיין טענה,
פון מאָרגן טראַכט נישט... איצטער ביזטו מיינע,
און איצטער ביזטו שיין און טריי.

## ס׳איז גוט מיט אייך.

V[1.

ס איז גוט מיט אייך אַזוי צו זיצן
צווישן גרינע אָליעאַנדערס,
אייך ענטפערן אויף אַלע פראַגן
און טראַכטן עפּיס אַנדערש.

באַגריסן העפלאַך אייער מאַן
און עסן קרעם אויף דער ווערא‏ַנדע,
הויך ריידן פון דער פּאָליטיק
און קוקן ערגעץ אַנדערש.

גאַלאַנט זיך זעגענען מיט ביידן:
מיט אייך און אייער אַלעקסאַנדער,
גאַנץ רוהיג דריקן אײַך די האַנט
און פילן עפּיס אַנדערש...

VIII.

האָסט פֿאַרחײַנט די בלאָע אויגן
און פֿאַרטרויערט די מינוט...
זײַ ניסט ברוגז, זײַ מיר מוחל,
זײַ מיט מיר, ווי פֿריער גוט!

האָסט פֿאַרטוליעט בײַז דײַן קעפּל,
ווי אַ קינד, וואָס הערט אין כּעס...
מײַנע בײזע, שטרײַנגע ווערטער
זײַנען מער נישט, ווי אַ שפּאַס.

ביזט די קליגסטע און די שענסטע,
זעהסט! איך קני צו דײַנע פֿיס...
נישט צעשטער־זשע אונזער חלום
מיט דײַן קינדערשן קאַפּריז.

האָסט פֿאַרחײַנט די בלאָע אויגן
און פֿאַרטרויערט די מינוט...
זײַ ניסט ברוגז, זײַ מיר מוחל,
זײַ מיט מיר, ווי פֿריער גוט...

## צו טאָליען.

IX.

בויגסט דײַן פיגורל די שמאָלע
אין אַזאַ לײַכטן קאַפּריז...
טאָליע! עס קלינגט מיר אַלץ טאָליע!
ט אָליע, דאָס קלינגט אַזוי זיס.

עטלאַכע הערעלאַך פאַלן
איבער דײַן שטערן אַראָפּ,
ווי אַ קלײַן זוגל אין שטראַלן
לײַכט מיר דײַן ליכטיגער קאָפּ.

עפּיס אַ סוד אַ נאַאיוון
האַלטן די ליפּן פאַרמאַכט,
און מיט די פאַרבן פון סיון
קוקט מיר דײַן אויג אָן און לאַכט.

באַלד נעמט אַ סוף צו מײַן ראָליע,
זיך צו פאַרליבן... נאָר הײַנט!
טאָליע, עס קלינגט מיר אַלץ טאָליע!
טאָליע, איך בין שוין דײַן פרײַנט..,!

## וואַנדז.

X.

איך האָב געמיינט, דו הייסט שולמית,
דיין בליק איז פרום און פול מיט חן.
דיין נאָמען, הער איך, איז גאָר וואַנדע:
עס איז מיר פרעמד, דאָך קלינגט עס שיין.

זי שפּילט מיט די קינדער,
זי פירט מיט זיי טאַטשקעלאַך זאַמד.
קיינער שפּרינגט נישט אַזוי, קיינער לאַכט נישט אַזוי,
קיינער וואַרפט נישט די קויל פון קראָקעט אַזוי פלינק,
ווי די פריילאַכע וואַנדע.

אַז עס קומט ווען אַ גאַסט—ווער באַגריסט אים צוערשט,
ווער דערלאַנגט אים די האַנט אַזוי פריינטלאַך און וואויל?
ווער פרעגט איך אַלץ אויס? ווער דערציילט אים אַלצדינג?
ווער שיינקט אים אַ בליק, וואָס געדיינקט זיך גאַנץ לאַנג?
וואַנדע, אַלץ וואַנדע!

און פלוצלונג אַנטלויפֿט זי... די באָבע די אַלטע
זיצט איינע אַליין אין אַ ווינקל און זיפֿצט..
״אָ, באָבעשי, באָבע״ און עס טוליעט זיך צו
אַגאָלדענעס קעפּל צום גראָ־ווייסן קאָפּ,
און עס פרייט זיך די באָבע מיט וואַנדען.

און ווער האָט מער טרוימען, מער בלומען, ווי וואַנדע?
מען ברייננט איר פיל רויזן, מען ברייננט מאַרגאַריטקעס.
מען קלויבט אויס די בעסטע, מען קלויבט אויס די שענסטע...
און פאַר זעמען־זשע זינג איך באַשיידן מײַן ליד—
פאַר וואַנדען, פאַר וואַנדען!

XI.

שוואַרצחנעוודיג און טרוימעריש,
זי יום־טובט אונז די וואָ[illegible]קייט,
זי ברייננגט אונז נחת [illegible]לע[illegible]ן
מיט אירע אויגן שמייכל[illegible],

ווען אויף איר האַלז דעם [illegible]לן
א שניירל פּערל לײַכטנדע,
און אויף איר רונדיג [illegible]לע
א שאַל פֿון זייד א [illegible]...

און אָנטאָן צו די תנאים איר
א ברײַטע קרינאָלינע קלייד!
געזוימט מיט שפּיצן בריסעלער,
מיט בופֿעס און מיט פּאַטטערקעס.

עס וועלן אַלע ווער־מאַכן
פֿאַר דער, וואָס אין שוואַרצחנעוודיג
און מורמלען דרך־ארצדיג:
„א יודישע בת־מלכּה גייט!"

## אַ שנירל פּערל

### XII.

אַ שנירל פּערל האָט מירקע צושאָטן,
נו, האָט מען איין פּערל צום אומגליק צוטראָטן.

האָט מירקע פאַרוויינט אירע טונקעלע אויגן
און לאַנגזאַם די פּערל אויף שנירל געצויגן.

געצויגן, געצויגן... געוויינט און געטרויערט,
דער באָבעס ירושה האָט מירקע באַדויערט.

די מאַמע, די שוועסטער און אַלע איינאיינעם,
געטרייסט האָבן מירקען אַפילו די שכנים.

טראָגט מירקע שוין ווידער די פּערל מיט שמייכל:
די באָבע אין הימל וועט מוחל-זיין, מוחל...

## אויב דו קאָנסט נישט לאַכן.

XIII.

אויב דו קאָנסט נישט היינט פון מאָרגן לאַכן,
אויב דו קאָנסט נישט אין דער שלאָף־צייט וואַכן,
אויב עס שרעקט דער ים דיך מיט זיין שטורם,
אויב עס שרעקט די הויכקייט דיך פון טורם,
אויב דו ווילסט נישט אַוועק פון דער מאַמען,
אויב דו קאָנסט זיך אינדערפרעמד נישט זאַמען—
דאַן זיץ דאָ ביים פענסטער און חלום
און לעב זיך בשלום, בשלום.

און מיך וועט אַ ביסל פאַרדריסן
און אפשר וועט שטאַרק מיך פערדריסן,
נאָר איך וועל דאָך קיינעם נישט שטראָפן,
אַ קוק טאָן אויף מערב, אויף צפון
מיט שטומע, נאָר מונטערע בליקן—
אַדיע, מיינע נאַרישע גליקן!..

## די צויבערין.

XIV.

פֿון צײַט צו צײַט, פֿון יאָר צו יאָר
קומט אַ צויבערין צו מיר.
פון גן־עדן, צי פֿון גיהנם
קומט אַ צויברין צו מיר.
מיט אַזעלכע פֿלינקע הענט,
ווי זי כישופֿט, ווי זי ברענט...
נעמט אַרויס פֿון ברוסט מײַן האַרץ,
לייגט אַרײַן אַ צווייטעס האַרץ...
ס׳האָב קיין רו נישט פֿון דעם יאָך:
וואו זי גייט נאָר—לויף איך נאָך,

ברייננ איך בלומען—נעמט זי צו,
בעט איך ליבע—זאָגט זי צו,

זי איז פריילאך, יונג און שיין...
מיין נשמה דריקט אַ שטיין.
און מיין האַרץ! אַך, וואָס עס פילט...
ווי עס שטורמט, ווי עס שילט!
נאָר דעם שדל גיט נישט אָן:
זי פאַרלאַנגט אַ גינגאָלד טראָן,
און פון זייד אַ זעגלשיף,
און פון ים די פערל טיף,
און דעם גאָלד פון שטערנס פאַל
און דעם זילבער פון אַ שטראַל...
זי פאַרלאַנגט עס, ווי אַ קינד—
איר נישט פאָלגן, איז אַ זינד...

# גוטער פעניקס.

## XV.

גוטער פעניקס, קליינער מלאך,
קומסט פון טאג צו טאג כסדר.
טאנצסט ארום און שטראלסט און קעניגסט
אין מיין אומעטיגן חדר.

האס געפעלט דיר, וואס געפינסטו
אין מיין טרויעריגן לעבן?
אלע פלאמען פון מיין יוגנט
האב איך לאנג שוין אפגעגעבן.

קוקסט מיך אן מיט טרײַע אויגן,
פרייסט זיך, פלאפלסט אן א סיבה.
לויפסט אװעק און לאזט מיך איבער
א פארכשופטן פון ליבע.

מארגן... מארגן קומסטו ווידער
און איך גרייט מיט שרעק אן בלומען:
ווי חעט אויסזעהן מיין נשמה,
אויב דו וועסט שוין מער נישט קומען.

## פריער פרילינג.

ביים פענסטער שטייט א פאנע און פרייט זיך מיט'ן הימעל.
די ווינטער־תבואה גרינט שוין, עס שוואַנגערט שוין די ערד.
אנטקעגען זיצט אַנ'אַלטער און שאָקלט זיך אין דרימל
און איך האָב זיך אַליין גאָר טרוימעריש פאַרקלערט.

און אין וואַגאָן און איינגן איז גאָרנישט שווער די איינגשאַפּט,
ווען מיך און דיך און יענעם בעשטראַלט די זון און קווועלט,
עס וועט נישט זיין קיין זאָרגען, עס וועט נישט זיין קיין בייקשאַפט,
עס לויפט דער צוג מיט אימפעט און גריסט זיך מיט דער וועלט.

עס וועלן וואַקסן קאָרן געמישט מיט רויטע מאָנען
און רופן וועט דער זיידע, דער לולעדיגער וואַלד.
און וואָס איך האָב פאַרגעסן, וועל איך זיך אַלץ דערמאָנען,
עס לאָזט דאָך נישט דער פרילינג דאָס לעבן ווערן אַלט.

בײם ערשטן קלאַפּ פֿון דונער און שפּעטער נאָכ'ן רעגן
חעט זיך דאָס פֿעלד באַשיטן מיט בלומען־פֿאַרבן פֿיל,
און מיך און דיך און יענעם חעט זון־שײַן גײַן אַנטקעגן
און בוים חעט געבן שאָטן, וואו אָפּצורוהען קיל.

די ערשטע שטראַלן רײַצן, אַך, חי אַ זיסער רמז
און חי אַ גוטער אָנזאָג לויפֿט עס אונז פֿאַרבײַ.
די זון איז דאָך דאָס לעבן, די זון איז דאָך דער אמת,
די זון חעט חי משיח אונז מאַכן יונג און פֿרײַ.

## אויסגערויכערט...

ערגעץ האָב איך װען געצילט,
בלויער רויך האָט מיך פֿערהילט...
סטיל און רוהיג, דרויסן נאַכט זיך —
אויכגערויכערט און פֿאַרטראַכט זיך.

יעדער טאָג װערט פּלוצלונג שײן,
װען עס נעמט די זון פֿאַרגײן,
װען די לעצטע טיר פֿאַרמאַכט זיך—
אויסגערויכערט און פֿאַרטראַכט זיך.

װאָס איז מיר דאָס ביסעל רויך?
צי דעם דאָזיינס גאַנצער תּוך?
אָך, לעבן לעב איך, װי עס מאַכט זיך—
אויסגערויכערט און פֿאַרטראַכט זיך.

# אינהאַלט:


מיין לולקע 5

## ביים ים.

קום צום ים ! 7
פאַרנאַכט ביים ים. 8
צו מיין שטיין 9
אין קרים. 10
מיט א פישער 11
די ווינטלאַך ווערגערן. 12
אין וועג. 13
אין ליוואַדיע 15
ביים כאַאָס. 16
פרימאָרגנצייט 18
ים. 20
ווייט אינמיטן ים 22
נישטאָ קיין ווינט 24
צו דער זון. 26
אַ נאַכט ביים ים 28
אַ ליידיג שיפעל 30
מיר גייען אין ווייסן. 31
לענאָרא 32
באַגינען. 34
עס לאָזט דער ווינט. 35
צום ים. 36
אין ווייסן שיין באַגאָסן 38

## הערבסט-גאָלד.

אין גאָרטן. 39
הערבסט-גאָלד. 40
וואָס מערער ביימער. 41
אַ רעגנדל טראָפנט. 42
אַ קאַראַהאָד. 43
דער גאָרטן שווייגט. 45
מיין גאָלד. 46
דאָ איז זיך גוט צו זעגענען 47
נאַסטורציעס. 48
נאַסטורציעס. 49

## ווינטער-חלומות.

ווינטער-חלום. 50
מיין הוט האָט בלויע פעדערן. 52
אין מיר איז אַ גלגול אַריין. 53
ווייסע, ווייסע פערענעס. 54
עס וועט אַמאָל אַרויס אַ שני. 55
אַ ווייסע וועלט. 58
קראַ ! 60
אויפ'ן באַרג. 61
אין פעלד. 62
אין חודש שבט 63
ווינטער-בעז. 64
רויטע טולפאַנען 66

## פרילינג.


פרילינג . . . . 67
קום צופאָרן . . . 69
פרילינגס-ליד . . . 70
אין קאזמיערזש . . . 71
רויזן . . . . 72
די שוואַנען. . . . 73
די בעראָזקע. . . . 75
די קאַשטאַנעס בליען. . . 76
אויפ׳ן טייך. . . . 77
פאַרטאָג . . . 78
רויזן . . . 79
אויפ׳ן גראָז. . . . 82


## אָוונט.


אָוונטצייט. . . . 83
גאָמען . . . . 84
אין שאָטן. . . . 86
קוקט צו די שטערן. . . 87
מיין רוף . . . . 88
פאַרנאַכט. . . . 89
דער יונגער פישער . . 90
הייסטו, ליבסטע . . . 91
ביים טייך . . . 92
זון-פאַרגאַנג. . . . 94
אַ פאַרלאַנג. . . . 95
אַ גאַנצע נאַכט . . . 96
אין שהייגן . . . 97
אַ בלימל זיבצט . . . 99
דאָס קעצל. . . . 100
אפשר בין איך דער לעצטער. . 102
דערציילט מיר, נאָכט. . 104
ביינאַכט . . . . 105


## אינטימעס.


איך וואָלט זיך גאַנץ גערן . . 111
מיט׳ן הינט. . . . 112
מיין קליינע. . . . 113
מיין ליבע. . . . 114
אַז דו קאָנסט נישט דערגרייכן. . 115
עס דריקן טויזנט ספקות . . 116
ווי דאָס ליד פון אַ העלד . . 117
מיר איז אומעטיג ביז טרערן. . 119
אויף לייכטע פליגל. . . 120
איבער ערגעץ ביינאַכט, . . 121
רייסן אַ בלימל . . . 122
פאַר וועמען. . . . 123
צום קריטיקער . . . 125


## אונטערטעניגקייט.


כ׳וואָלט שוין וועלן זיין . . 126
אַ לידל . . . . 128
קומען אָן פאַרקלעמטע שעה׳ן. . 129
פון אַלע שטימען . . . 1 0
מיין הארץ. . . . 131
תפלות . . . . 132
דער זינגער. . . . 134
עלדאָראַדאָ. . . . 135
איינמיטן וועג צום גיין . . 137
צו איינעם. . . . 138
גוטער ווין. . . . 140
געזעגנונג. . . . 142
ווייל איך האָב נישט דערגרייכט. . 144
גזה ווייטער . . . 145
ביים פענסטער. . . . 146
איך האָב געזען . . . 151
זאָל עס גיין, ווי עס גייט . . 153

איז יאָ געווען אַמאָל. . . 154
אין פלאַמען שטייט די וועלט. . 155
נאָך מיר. . . . 156
גאַסן . . . . 157
שפרייזנדיג בײנאַכט. . . 158
זיי קומען יעדע נאַכט. . . 159


## בילדער.


גאָבעלן . . . . 162
גאַסן־טריט. . . . 164
גאַסן־טריט. . . . 165
אויף די זייטיגע אַלייען. . . 166
קעצלאַך . . . . 168
אַ קינד איז געשטאָרבן . . 170
דער גרינער פּאָפּוגאַי. . . 171
אין טאָלעדאָ . . . 175
פּאַנאַ וואַנדאַ. . . 182
פערד־מאַרק. . . . 184
גאַ שוועגטעגאַ יאַנאַ. . . 192
מײן יורש . . . 199
דער שטומער פּאַסטוך. . . 207


## ראָמאַנטיש.


דריי קאַפּלאַך. . . . 214
איך האָב געגלויבט. . . 215
דאָס איז אַ ראָמאַן. . . 216
נאָר מיך אָפּ. . . . 217
אַ שאָד . . . . 218
דיין שקר. . . . 219
פאַרציונג. . . . 220
ס'איז גוט מיט אײך. . . 221
ראָמאַנס . . . . 222
צו טאָליען. . . . 223
וואַנדאַ . . . . 224
די שוואַרצהנעוודיגע. . . 226
אַ שנירעלע פּערל. . . 227
אויב דו קאָנסט נישט לאַכן. . 228
די צויבערין. . . . 229
פריער פרילינג . . . 232
זויבערוויבערט . . . 234

פערלאַג „יודיש“ וואַרשא.

## 15) זכרונות און אַרטיקלען.......... וו. מעדעם.

מיט דער ביאָגראַפיע און בילד פון אויטאָר.

(„אַזאַ גלענצענדער שריפטשטעלער, ווי מעדעם, וואָרט געבליבען נישט נאָר ביי זיין אייגענעם פאָלק, נאָר אויך ביי אַנדערע פעלקער“).

## 16) די נשמה פון אַ פרוי ............ סאָבאָצקי.

(„די פרוי, איהר גליק, איהר וועלט, איהר טאַטעס, איהר ראָל — דאָס זענען די טעמעס, פון וועלכע עס איז מיט גאַרפיל טאַלענט אויסגעאַרבייט געוואָרען דעראָזיגער מערקווירדיגער ראָמאַן“.)

## 17,18,19,20, אַלעקסאַנדער דער ערשטער ..... ...................... ד. מערעזשקאָווסקי.

(„ווייל מען פערשטעהן דאָס גרויסע און טראַגישע רוסלאַנד אין זיין ערשטען קאַמף מיט׳ן צאַריזם, אין זיין ירידה און גלאַנץ, אין זיין גרויסען און שלעכטען, מוז מען לייענען דאָסדאָזיגע גראַנדיעזע ווערק, וואָס איז אַ אוצר פון אונזער ערצעהלער קונסט“).

## 21) די שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור פון XIX-טען יאָהרהונדערט.

(„היינטיגע ציישען איז זיך שווער פאָרצושטעלען אַ ליטעראַטור, וואָס אין איהר זאָלען נישט איבערגעבליבען ווערען די טיפע און גלאַנצלע ווערק פון וועלט-בעריהמטען קריטיקער און דענקער“).

## 22) נאַפּאָלעאָן אין רוסלאַנד .... היינריך ראָם.

(„היינריך ראָם געהערט נישט צו יענע שרייבער, וואָס האָבען געזונגען לויב-לידער נאַפּאָלעאָנ׳ען, נאָר ער געהט איהם בעסער נאָך טריט ביי טריט און דעקט אויף די אַלע טונקעלע זייטען פונ׳ם גרויסען קריגס-פיהרער, אין זיין מלחמה מיט רוסלאַנד. דאָסדאָזיגע בוך איז אונגעהויער אינטערעסאַנט און שפּאַנענדיג פאַר יעדען“).

פערלאַג „יודיש“, וואַרשא.

23) אונטער אַ ווייסען פאַרהאַנג ..... דוד קאַסעל.

(„די ברייט-געשילדערטע לאַנדשאַפטען, די בולט'ע בילדער, פאַרבען און געשטאַלטען און דער פיינער פסיכאָלאָגישער אַנאַליז — דאָס אַלץ זענען גאָר נייע טענער אין דער יודישער ליטעראַטור“).

24,25,26) דריי דורות ........ יואל מאַסטבוים.

(„דאָס איז אַ ברייט ווערק, וואָס כאַפּט-ארום אַ שטיק לעבען פון דריי דורות מיט זייערע איבערגאַנגען און טראַגיזם, וואָס מאַכט אַ געוואַלטיגען רושם אויפן לעזער“).

27,28) מאיר יעזאָפאָוויטש ....... ע. אָרזשעסקאָ.

(„מאַכט האַנדלונגען און טיפען פון דעמדאָזיגען בוך זענען אזוי שפּאַנענדיג און אזוי שטאַרק, אַז דער איינדרוק בעהערשט דעם לעזער, ווי עפּיס אַן אונגעשטעהגליכע מאַכט“).

29,30) פּוילען ................... נח פּרילוצקי.

(„דאָס זענען די סאַמע וויכטיגסטע און העלסט-בעלעהרענדיגסטע בילדער וועגען פּוילען, און יעדער יוד, וואָס וויל זיך אָריענטירען אין די פראַגען וועגען פּוילען, מוז אונבעדינגט זיי האָבען אונטער דער האַנד“).

31) דאָס בוך פון דער צייט ....... דוד איינהאָרן.

(„אַ שלייער פון פּאָעזיע ליגט אויף איינהאָרנס פּראָזע און די געדאַנקען לייכטען-ארויס, ווי גאָלדענע פונקען“). פּרייז 15 פּ.

32) בעגייסטערונג ........... משה בראָדערזאָן.

(„די יודישע פּאָעזיע ווערט דאָ בערייכערט מיט נייע קלאַנגען און פאַרבען, וואָס קומען באמת פון ריינער גאָט-געבענשטער בעגייסטערונג“).

## פערלאג „יודיש", ווארשא.

### 33) טורמע-וואנדערונגען ...... וו. קאראלענקא.

(„דאס איז דאס שענסטע און דאס שטארקסטע, וואס דער גרויסער קינסטלער און קעמפער קאראלענקא האט געשאפען אויפ'ן געביט פון טורמע-פיין און סיבירער וואנדערונגען").

### 34) סיבירער דערצעהלונגען ... וו. קאראלענקא.

(„קיינער פון די רוסישע קינסטלער האט אזוי טיף און ברייט נישט געשילדערט דאס לעבען און די שטרענג-שיינע לאנדשאפטען פון דער ווייטער סיביר").

### 35,36) דאס 93-טע יאהר ....... וויקטאר הוגא

(„וויקטאר הוגא געהערט צו די גרעסטע שרייבער פון דער וועלט-ליטעראטור און דאס „93—טע יאהר"—צו די שענסטע ווערק, וואס זיינען איבערגעזעצט געווארען אין אלע שפראכען").

### 37) מטרונעס .......... ז. סעגאלאוויטש.

(„ז. סעגאלאוויטש איז איינער פון די שענסטע ליריקער אין יודיש, און זיינע לידער, וואס קומען אריין אין דעמזעלבען באנד, זיינען ווירקליך קלאנגען פון צארטע סטרונעס, אמאל מעלאנכאלישע און אמאל אבער שטורמישע, ווי דער ווינד אויפ'ן ים").

### 38) דאס טעאטער-בוך ......................

(„א זאמלונג פון די בעסטע איינאקטערס, וואס זיינען געשאפען געווארען אין אלע אייראפעאישע שפראכען און געשפילט געווארען אויף די גרעסטע בינעס אין אייראפא און אמעריקא").

### 39) רעגינע (פאעמע) ....... ז. סעגאלאוויטש.

(„אויף א דורכזיכטיגען לייוונט איז דא ארויסגעמאלט די פויליש-יודישע פרוי. טיף צארטע פארבען איז געשילדערט איהר ליבע און צוזאמען דערמיט אויך דעם ווינטערס איבערלעבונגען").